...ая Еврейская
...лiотека имени
...а Я. А. Эйгеса
№ 510
25

№ 20 פרייז 4 קאפ.




# די געשיכטע
# פון ארץ ישראל.

פון נר. בראדאווסקי.

צווייטע אויפלאגע

עקז. 10.000—7.000

אדעס תרע"ד.

דרוק פון נ. האלפערין, יעקאטערינינסקע 36.

# פערלאג „ציוניסטישע קאפיקע־ביבליאטהעק.

№ 1 מ. ל. ליליענבלום. ראשון לציון. פרייז 2 קאפ. 20,000 עקז.
№ 2 מ. אוסישקין. דער ערפאלג פון דער יודישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל פאר די לעצטע 25 יאהר. פרייז 3 קאפ. 35.000 עקז.
№ 3 ד"ר י. ספיר. דער אכטער ציוניסטען־קאנגרעס. פרייז 1 ק. 20.000 עקז.
№ 4 וו. זשאבאטינסקי. דאס באזעלער פראגראם. פרייז 2 ק. 35.000 עקז.
№ 5 ש. שווארץ. דער שקל. (אויספערקויפט). פרייז 1 ק. 35.000 עקז.
№ 6 י. ראבינאוויטש. פאר וואס ארץ־ישראל? פרייז 2 ק. 30.000 עקז
№ 7 ד"ר פאסמאניק. די פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם. 3 ק. 20.000 עקז.
№ 8 מ. ל. ליליענבלום. דער פאלעסטינא־קאמיטעט. פרייז 2 ק. 15.000 עקז.
№ 9 א. ווארבורג. צי טויג א"י פאר קאלאניזאציע. פרייז 2 ק. 25.000 עקז.
№ 10 ד"ר יוסף קלויזנר. משה רבנו. . . פרייז 2 קאפ. 25.000 עקז.
№ 11 ליעדער פאר'ן פאלק געזאמעלט פון ל. יפה, פ. 12 ק. 14.000 עקז.
№ 12 י. ל. בערגער. דער יודישער נאציאנאל־פאנד. פרייז 2 ק. 20.000 עקז.
№ 13 משה קליינמאן. אונזער נאציאנאל־שפראך. פרייז 3 ק. 15.000 עקז.
№ 14 ציוני פשוט. וואס איז אונזער ארץ־ישראל. פרייז 3 קאפ. 10.000 עקז.
№ 15 מ. ל. ליליענבלום. גאולה תתנו לארץ. פרייז 2 קאפ. 15.000 עקז.
№ 16 ד"ר י. ספיר. די געשיכטע פון ציוניזם. א. פרייז 3 ק. 15.000 עקז.
№ 17 ב. גאלדבערג. די יודישע קאלאניאל־באנק. פרייז 3 ק. 15.000 עקז.
№ 18 משה קליינמאן. דער גלות. . . . פרייז 3 קאפ. 10.000 עקז.
№ 19 ב. שפיעלבערג. יודישע ארבייטער אין א"י. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.
№ 20 גר. בראדאווסקי. די געשיכטע פון א"י. פרייז 4 ק. 10.000 עקז.
№ 21 ש. שווארץ. די ציוניסטישע ארגאניזאציע. פרייז 2 ק. 20.000 עקז.
№ 22 פראפ. שץ. בצלאל. . . . . . . . . פרייז 5 קאפ. 10.000 עקז.
№ 23 מ. זיידמאן. די העברעאישע קאנפערענץ. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.
№ 24 ד"ר י. ספיר. דער ניינטער ציוניסטען־קאנגרעס. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.
№ 25 משה קליינמאן. רבי מ. ל. ליליענבלום. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.
№ 26 מ. שאליט. די בילו'צעס. . . . . . פרייז 2 קאפ. 15.000 עקז.
№ 27 ד"ר פאסמאניק. אונזער „נאציאנאלע קולטור". 2 ק. 10.000 עקז.
№ 28 ש. גארעליק. אויף וואס דארף מען דאס? פרייז 2 ק. 10.000 עקז.
№ 29 ד"ר י. ספיר און מ. קליינמאן. א. ל. לעווינסקי. פ. 2 ק. 7.000 עקז.
№ 30 א. ל. עווינסקי. א רייזע קיין א"י אין יאהר ת"ת פר. 7 ק. 8.000 עקז.
№ 31 ד"ר מ. גליקסאן. די געשיכטע פון ציוניזם. ב. פרייז 5 ק. 7.000 עקז.
№ 32 ד"ר י. ספיר. דער 10־טער ציוניסטען־קאנגרעס. פר. 2 ק. 10.000 עקז.
№ 33 צ. פשוט. די וויכטיגקייט פון יוד. ארבייטער אין א"י פר. 2 ק. 10.000 עקז.
№ 34 פ. קאפלאן. די יודישע נאציאנאל־ביבליאטהעק. פר. 2 ק. 10.00 עקז.
№ 35 ד"ר י. ספיר. דער 11־טער ציוניסטען־קאנגרעס. פר. 3 ק. 8.000 עקז.
№ 36 ד"ר י. קלויזנער. ירושלים. . . . . . פרייז 3 ק. 10.000 עקז.
№ 37 ד"ר ש. אייזענשטאדט. דער שקל. . פר. 2 ק. 10.000 עקז.

אויף נאכנאהמע שיקען מיר נים ווייניגער ווי אויף 2 רובל.

**Одесса. Д-ру I. Сапиру. D-r I. Sapir, Odessa.**

# די געשיכטע פון ארץ ישראל.

פון גר. בראדאווסקי.

אין דער גארער וועלט איז דא זעהר ווענים לענדער, וועלכע האבען ארויסגערופען אזא אינטערעס צו זיך ביי דער גאנצער קולטורעלער מענשהייט, ווי ארץ־ישראל. געגעבען דער וועלט די גרעסטע רעליגיאנען און די טיעפסטע קולטורעלע ווערטען, ערצויגען און אויפגעהאָוועט אויף איהר ברוסט די נביאים און חשמונאים,—האט זיך עס אין אלע צייטען פארגעשטעלט דער מענשהייט אלס איין געהיימניספולעס און הייליגעס לאנד. דאס שטאלצע רוים און די שעהנע עללאדע, די שטארקע אראבער און די פאנאטישע צלם־טרעגער (נושאי־הצלב) האבען זיך האסטיג אלאז געטהון כדי אזוי אדער אנדערש דאס לאנד צו בעקומען. די יודען, ווי די פערטריבענע אזוי אויך די, וועלכע זענען מיט'ן גוטען ווילען פון דארט אוועקגעגאנגען, האבען פאר דער גאנצער צייט פון זייער צוויי־טויזענדיעהריגען גלות ניט אויפגעהערט טראכטען און מיט דער גאנצער נשמה שטרעבען צו זייער פאטערלאנד. די בעוועגונגען פון די משיחי־השקר, אין וועלכע עס האבען זיך אויסגעגאסען די האפנונגען פון פערזואגעלטען פאלק, בעווייזען בעסער פון אלעמען אט די אונשטערבליכע שטרעבונגען. קיינע אומגליקען און ליידען זענען ניט אומשטאנד געוועזען איבערצורייסען אט דעם שטארקען בלוטיגען בונד, וואס צווישען יודישען פאלק און זיין ארץ־ישראל.

ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען עקזיסטירען ביז היינט וועגען אט דעם לאנד ניט גאר קיין ריכטיגע בעגריפען. אין דעם פרט האט דאס לאנד דעם זעלבען גורל, וואס דאס יודישע פאלק. געפאלען כורעים פאר דער הייליגען חורבן—האבען זיך דאך פיעלע דאס לאנד פארגעשטעלט אלס איין אבגעברענטע וויסטע, אין וועלכער עס איז אלעס פערדארט און אויסגעטריקענט פון דער זון, אין וועלכער עס זענען שוין אלע לעבענס־כחות אויף אייביג אויסגעהויכט. אונזער פאלק האט בעוויזען זיין לעבהאפטיגקייט און לעבענס־פעהיגקייט. איצט וועט קיינער ניט צווייפלען אין דעם, דאס אויב פיעלעס אין אונזער פאלק איז געשעדיגט און צושטערט, איז דאס א דאנק דעם טויזענד־

יעהריגען נע־ונד זײַן, אראנק דעם אונגארמאלען גלות לעבען און זײַנע שווערע קײטען. ענדיגט זיך דאס אוננארמאלע לעבען אין דער פרעמד. אזוי נעמט עס אויך א סוף מיט אַלע יודישע צרות—און דאס יודישע פאלק שטעהט אויף צו א נײַעם ליכטיגען לעבען. אט דאס פאלק וואס האט דער וועלט אזוי פיעל גרויסעס און שעהנעס געגעבען.

דאס זעלבע איז מיט׳ן לאנד. אויב מען זאל זיך טיעפער אײַנ־קוקען אינ׳ם גורל פון לאנד, וועט קלאר און דײַטליך ווערען, אז אין דער איצטיגער לאגע פון ארץ־ישראל זענען שולדיג אט אלץ די זעלבע אומשטענדען. צוויי טויזענד יאהר טרעט מען אט דאס לאנד אהן אײַן אויפהער און מען מאכט עס חרוב. עס געהט איבער פון איין האנד אין דער אנדערער. שווערד און פײַער הערען ניט אויף דארט צו געוועלטיגען. דער חורבן פון גאנצע שטעדט און דערפער, דאס אומ־ברענגען די סטאדעס און תל־מאכען פון ווײַנגערטנער—וועה־געשרײַ און טוידט־שרעק—אט וואס ברענגען מיט זיך אלע מאל די נײַע בע־קעמפפער. צו דעם אלעמען איז נאך די טערקישע רעגירונג מוסיף דעם ווילקיר פון איהרע מושלים, אונטערטרעגליכע מסים (נאלאגען, שטײַער), אונטערקויפונגען און שוחד, וועלכע פערענדיגען דעם פאל־קאמענען חורבן פון לאנד און אײַנוואוינער. די אונוויסענהײַט פון די אײַנגעזעסענע געהט האנד בײַ האנד מיט׳ן גזלנ׳ען פון די אנגעקומענע די ערד ווערט אויסגעמאגערט, אומבארחמנות האקט מען אויס די וועלדער, מען פערשיט מען פערווארפט די וואסער־לײַטונגען און וואסער־זאמלונגען, די אונפרוכטבארקײַט און פערטריקענטקײַט חאפט ארום וואס ווײַטער אלץ גרעסערע געגענדען,—און פונ׳ם מזרח רוקען זיך אן די פרײַע חיואַליעס פון דער זאמדיגער וויסטע.

שפורען פון אבגעלאזטקײַט און פערוואַרפענהײַט זענען אומעדום.

נאר דאס לאנד, ווי אויך אונזער פאלק, איז נאך ניט גאר אינ־גאנצען פערטריקענט; די פריהערדיגע קרעפטען פון אט דעם לאנד, וועלכע האבען פערוואונדערט די גאנצע וועלט און האבען דעם א נאמען געגעבען „ארץ זבת חלב ודבש", אט די קרעפטען זענען נאך פערבליבען טיעף אינ׳ם לאנד. און דארט, וואו ס׳האבען זיך צונע־ריהרט די הענד פון די יודישע ערד־ארבײַטער—קאלאניסטען—ווערט עס ווידער פערוואנדעלט אין דעם פריהערדיגען בליהענדען ארץ־ישראל, פעטע, זאפטיגע תבואה־פעלדער, טרויבען־ליליען און נארציסען ערפרעהען אונזער בליק און וועקען אין אונז זיסע האפנונגען.

מען דאַרף נאָר אַרבּײַטען מיט אהבה, ענערגיש אַרבּײַטען ניט אָבּלאָזען די הענד.

עס וועלען אַריבּער די היסטאָרישע ליידען—און פון אונטער די אַנגערוקטע וואָלקען פון פינסטערען גלות וועט די זון אַרויסשווימען— און אויפסנײַ וועט אויפלעבען דאָס ווידערגעבוירענע יודענטהום אין דעם אויפסנײַ געבוירענעם ארץ־ישראל.

---

די געשיכטע פון ארץ־ישראל איז זעהר אַנ׳אַלטע, זי הויבט זיך אָן אסך פריהער איידער די געשיכטע פון יודישען פאָלק און ווערט פערהוילען אין די ווײַטע נעבּלען פון די ניט קלאָר בּעשטימטע צײַטען. די יודען, וועלכע זענען געקומען קײַן ארץ־ישראל (כנען—אַזוי רופט זי דער תנ״ך) האָבּען דאָרט געטראָפען אַ גרויסע און פערשידענאַרטיגע בּעפעלקערונג (דערהויפּט סעמיטען) אין אַ היבּשע, חאָטש ניט קײַן אָריגינעלע, קולטור, חוץ די לעגענדאַרע גבּורים, וועגען וועלכע עס ווערט דערמאָנט אין דער בּיבּעל, האָבּען אין לאַנד געשפּיעלט אַ היבּשע ראָליע די חתים, פלשתים, אמורים און די פעניציער; אַ ווענינ־גער בּעדײַטענדע ראָליע האָבּען געהאַט מואב, עמלק, מדין, און אדום. פון די גאָר קלײַנע אומות קאָן מען רעכענען פריזי, יבוסי און גרגשי.

די חתים וועלכע זענען אַנגעקומען פון צפון זײַט (לערך אין יאָהר 1400 פאַר כריסטוס געבּורט) האָבּען אַ דאַנק זײַער געוועהר אַרײַנגעדרונגען צו דרום און לויט זײַער אָבּמאַך געניטיגט די מצריים, דאָס זײ זאָלען זײ אָבּטרעטען דעם צפון־טײל פון פיניקיע און סוריה. אויפ׳ן מזרח האָט זיך זײַער ממשלה פערשפּרייט בּיז׳ן טײַך פרת און אין צפון—בּיז קלײן־אַזיען. אַ דאַנק די שטענדיגע מלחמות האָבּען די חתים ענטוויקעלט דאָס בּעאַרבּײַטען פון מעטאַללען צוליעב קריענס־צוועקען און דאָס פערפערטיגען פון מלחמה־רײַט־וועגען. דאָס האָט זײ געגעבּען די מעגליכקײַט זיך צו עראָבּערען אין כנען אַ היבּשע השפּעה און זיך דאָרטען אויפהאַלטען אפילו דעמאָלט, ווען די איבּריגע כנען־שבטים האָבּען געמוזט אָבּלעקען זײַער געוועהר געגען דוד׳ס שווערד און שלמה המלך׳ס חכמה.

די פלשתים קומען קײַן ארץ־ישראל לערך אין XII יאָהר־הונדערט פאַר כריסטוס געבּורט, כמעט אין אײן צײַט מיט די יודען. עס איז נאָך ניט אַריבּער קײַן יאָהר־הונדערט און זײ פערשפּרייטען זיך

שוין אויפ׳ן גאַנצען ברעג פונ׳ם ים־התיכון (מיטעל־מעער), פונ׳ם כרמל ביז עזה און בילדען אויף אזא אופן נים קיין גרויסע שטעדט־מלוכות. א סוף מיט זייערע ווייטערע נצחונות מאַכט דוד המלך; ער איז מנצח די פלשתים און נעמט אב ביי זיי זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

אמורי „די הויכע ווי דער ארז (צעדער) און שטאַרקע ווי די אייכע״ וואוינען אין דרום פון ארץ־ישראל, אין עבר הירדן.

דאס מעהר קולטורעלע פאָלק פון ארץ־ישראל אין יענער צייט זענען די פעניציער (כנענים). זיי רעכענט מען פון די גאר אַלטע איינוואוינער פון לאַנד און שוין לאַנג בילדען זיי א זעלבסטשטענדיגע מלוכה, וואס ביים ים אין צפון פון ארץ־ישראל. זיי בילדען א גאַנצע רייה שטעדט נעבען ים, ווי צור, צידון, עכו און אַנדערע, וועלכע ווערען שפעטער היבשע צענטרען פון וועלט־מסחר. די פעניציער גרינדען אויך גינסטיגע האַפען, בויען האַנדעלס־שיפען, וואס צופיה־רען איבער׳ן גאַנצען ים־התיכון פראָדוקטען פון קולטור און לוקסוס און בעזאָרגען דערמיט די אייראָפּעאישע מאַרקען. אַ דאַנק זיי גרייכט דער מסחר פון אט דעם חלק פון ארץ־ישראל אַ אונגעהויערען בליהען, שפעטער ווערען אַהין אַריינגעצויגען יענע יודישע שבטים וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין שבינות.

עמון ומואב, וועלכע האָבען געוואוינט צו מזרח זייט פון ירדן און ים־המלך, האָבען נישט געשפיעלט קיין קענטיגע ראָליע אין׳ם גורל פון ארץ־ישראל. דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען אדום, וועלכער האָט געוואוינט אין עקסטען דרום פון לאַנד. איבריגענס איי־נעם פון די יורשים פון אָט דער אומה (הורדוס) איז שפעטער אויס־געקומען אַריינשרייבען פיעל וויכטיגעס אין דער געשיכטע פון לאַנד און פון פאָלק.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען האָט ארץ־ישראל אין יענעם פעריאָד נים פערמאָגט קיין פעסטע און אייגענע קולטור. דאָס ער־קלערט זיך בעיקר דורך זיין געאָגראַפישער לאַגע, נעפינענדיג זיך צווי־שען די סאַמע קולטורסטע לענדער פון אור־אַלטער מצרים, אשור און בבל—האָט עס זיך תמיד געפונען אונטער דער השפעה פון די מעכטיגע קולטורען פון אָט די צוויי לענדער. ליגענדיג אין צענטר פון האַנדעל און אויפ׳ן מלחמה־וועג פון די דריי וועלט־טהיילען—אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע—איז ארץ־ישראל געווען ווי אַ גרויסע און אָפענע גאַס, דורך וועלכער עס פלעגען דורכגעהען דאָס חיל און די האַנדעלס־

קאַראַוואַנען אין אַלע זייטען, דאָ פלעגען זיך אָפט און אין פערשיעדענע צייטען בעזעצען קליינע פעלקער וואָס פלעגען האַסען אייגנס דעם צווייטען, די סבה האָט נאָך מעהר מיטגעהאָלפען דער השפעה פון די אַרומיגע קולטורען. בעזונדערס שטאַרק איז געווען די ווירקונג פון אשור און בבל, וואָס עס בעווייזען פיעלע ענטדעקונגען פון דאָקומענטען, געשריבענע דורכ'ן כתב־היתדות.

נאָר אויב די ארץ־ישראל קולטור איז דאָן אין אַ היבשער מאָס ניט געווען אָריגינעל און איינען־אלץ מוז מען אַנערקענען דאָס זי איז געשטאַנען אויף אַ געוויסער הויך.

אין דער עפּאָכע, ווען דאָ האָבען זיך בעזעצט די יודען זענען שוין דאָ געווען פיעל שטעדט אַרומגענומען מיט הויכע ווענד. די איינוואוינער פון אָט די שטעדט פלעגען זיך קליידען אין פערשיעדענפאַרביגע קליידער, אויסגענעהט מיט גאָלד און זילבער. אונטער די ווענד פון אָט די שטעדט האָט געבליהט דער מסחר. מיט שניצערייאון קונסט־אַרבייט האָט מען זיך בענוצט ביים פערפערטיגען און אויספאַרבען געמער און פראַכט־פּאַלע כלים.

אין די דערפער האָט געבליהט די ערד־אַרבייט, עס האָבען געוואַקסען אין אַ גרויסער צאָהל וויינטרויבען, וועלכע האָבען מיט זייער גרויס אַזוי פערוואונדערט די מרגלים, וואָס משה האָט געשיקט; ס'האָבען דאָ געוואַקסען פרות־געבענדע בוימער. גאַנץ ווייט האָבען זיך געצויגען גאַנצע וועלדער פון זיתים, וואָס האָבען געבראַכט די תמימות'דיגע אמונה, אַז אויף דעם אָרט טרענקען זיך די פיס אין בוימאייל.

איבער די האַנדעלס־וועגען ציהען קאַראַוואַנען פון קעמלען אָנגעלאָדען מיט געווירץ, באַלזאַם און לאָטוס (צרי ולט), די אונגעהויערע משערעדעס און פראַכטפּולע פאַשע־פעלדער די בלומען־דעקען פון בארג און טאָל צוטראָגען וועגען ארץ־ישראל אַ שבח אַז דאָס איז אַ לאַנד, אַ „ארץ זבת חלב ודבש".

---

זיי קומען צו נעהענטער צו ארץ־ישראל—אָט די מורא'דיגע גבורים. ערשט נעכטען קנעכט ביי פרעה'ן—היינט שוין פרעהליכע מנצחים. פאַר די יודען אַנטלויפען אַלע, מען ציטערט פאַר זיי; בלויז זייער נאָמען וואַרפט אַן'אימה אויף די אָרטיגע איינוואוינער. איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער, איין פעסטונג נאָך דער צווייטער געהען איבער

אין יודישע הענד. ניט די הויכע מויערן אויך ניט די פחד'דיגע שאנצען קאנען ניט אקעגען שטעהען די צוועלף יודישע שבטים אונ= טער דעם פיהרונג פון מעכטיגען יורש פון משה–יהושע בן נון. אײַ= ניגע אָרטיגע אײַנוואוינער שטעלען זיך אפילו אקעגען מיט עקשנות, נון'ס שווערד אָבער גרייכט אויך זיי.

אָט האט מען אײַנגענומען מזרח=כנען, די וואונדערשעהנע און פעטע פעלדער זענען שוין אין רשות פון שבט ראובן, שבט גד און האלב שבט מנשה, דאס איז אָבער נאר איין התחלה. דאָרטען ווײַט צו מערב פון ירדן ליגט א שעהנעס לאנד, דורכגעשניטען מיט פיעל בערג=רוקענס און טאָלען, ווײַטער נעבען דעם גרויסען ים ליגען שרון און שפלה, רײַכע פלעצער וואס בעדעקען זיך אלע פריהלינג מיט א נײַער דעק פון אצינטען, נארציסען און רויזען. און ווײַטער איז דער ים התיכון, זײַנע חוואליעס פליוסקען זיך צופיסענס פון כרמל, דערצעהלען וואונדער=מעשה'ליך פון פעלקער און לענדער, וואס פון יענער זײַט ים, מעשה'ליך פון ימים און טײַכען, אויף וועלכע עס געהען הונדערטער שיפען מיט סחורות, פון סוחרים און קאראוואנען, מסחר און רײַכ= טהום.

דורך גבורה'דיגע נצחונות אין בלוטיגע מלחמות, וואס קאָסטען אָב טויזענדער לעבענס–גיט זיך איין דעם שבט יהודה צו בעקעמפפען די גאנצע געגענד, וואס צווישען ים המלח און דעם פלאץ וואס בײַם ברעג. אָט דער טייל ארץ=ישראל רופט זיך שפעטער יהודה. אמת דאס איז ניט גאר קיין פרוכטבארער באדען, דאס קלימאט איז אויך הארט און די נאקעטע שטיינער ערפרעהען ווײַט ניט אונזער בליק נאר די בני יהודה קענען אָבער ארבײַטען. זיי האבען געבויעט פאר מצרים פיתם און רעמסס, זיי וועלען אויך פאר זיך ניט שפארען קיין מיה און פעהיגקײַטען. די אונפרוכטבארע שטיינערדיגע געגענדען ווע= לען זיי שפעטער בעדעקען מיט איין אנגעטראגענער שיכטע פון פרוכטבארער ערד און זיי אויף אזא אופן אין גערטנער און פיינע פעלדער פערוואנדלען. אויף די בערג, צו וועלכע מען קען איצט ניט צוטרעטען, וועלען זיי די טעראסען אויסהאקען. און אָט די בערג וועלען זיי אויף הונדערטער ווערסט בעפארבען מיט גירלאנדען, פון טרויבען=לאזעס און זיתים=וועלדער.

עס האבען אָבער אויך די איבריגע שבטים ניט פערלעגט די הענד, מ'האט נאך בעדארפט בעקעמפפען צפון=ארץ=ישראל––און דאן

וועט זיך דאָס גאַנצע לאַנד געפינען אין די הענד פון די בני ישראל ווי גאָט האָט דאָס מבטיח געווען זייער זיידען אברהם'ן.

די דרייסטקייט און מלחמה-זשעניע פון מעכטיגען יהושע האָט זיי מיטגעהאָלפען זיך אַריינרייסען אויף'ן צפון. דאָ האָט זיך די מנצחים בעוויזען אַ רייכעס לאַנד, וואָס האָט געגלאַנצט מיט גאָלד-בעשפריצטע פעלדער און גערטנער, מיט זילבער-קלאָרע קוואַלען און טייכלעך, אַ פרעהליכע אגן שמייכלענדעס אונטער די לעבענסשאַפענדע שטראַהלען פון דער וואונדערליכער ארץ-ישראל-זון, שפּעטער רופט זיך אָט דאָס שטיק לאַנד גליל.

די פעלקער אָבער, וועלכע זענען דורך די יודען אָבגעשטופּט געוואָרען פון זייערע איינגעזעסענע ערטער, האָבען נאָך אויף דעם וועט ניט מסכים געווען און ניט געוועזען צופריעדען מיט אָט דער נייער לאַגע, וואָס איז ענטשטאַנען אין כנען. נאָך דעם ווי זייער ערשטער פחד איז אַריבער, האָבען זיי דעם קאָפּ אויפגעהויבען און בענוצענדיג זיך מיט יעדען גינסטיגען פּאַרפאַל, זענען זיי אויף די יודען אָנגעפאַלען, געראַבירט זייערע שטעדט און דערפער און אָפט-מאָל צוריקגענומען זייערע געגענדען.

און אזעלכע גינסטיגע פּאַרפאַלען זענען געווען פיעל, און פּאַר-געקומען זענען זיי אָפט. דאָס בערגיגע אָרט און דער שבטים-האָס האָבען געמאַכט אַ פּירוד צווישען די יודען, יעדער שבט האָט זיך געאַרבייט פאַר זיך, עס איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע פּאָהן (פלאַג) אויך ניט קיין אַלגעמיינער פיהרער. אָט דאָס האָט גורם געווען פיעל אומגליקען דעם פאָלק און דעם לאַנד. די אונאויפהערליכע מרידות און אָנפאַלען פון די נאָר וואָס איינגענומענע אומות זענען בעגלייט געוועזען מיט רויבערייַ, פיעלע רציחות און שרפות פון שטעדט און דערפער, פּע/דער האָט מען צוטרעטען, פערברענט און אַ תל געמאַכט, חרוב געוואָרען זענען שטעדט און די מויערען וואָס אַרום זיי. צייטענווייס פלעג פון די יודען אויפשטעהען איין מנהיג, וואָס האָט בעגייסטערט דאָס פאָלק מיט זיין העלדענשאַפט. אָט די מנהיגים אָדער „שופטים“ ווי מען האָט זיי דאַן גערופען, האָבען אָפט פערטריבען די שודדים אָבגענומען זייערע נחלאות און אויפסניי אומגעקערט די יודען דעם ערשטען פּלאַץ אין לאַנד, אָבער ניט אויף לאַנג.

עס געהען איבער איינינע יאָהר און עס הויבט זיך ווידער אָן דעם פריהערדיגער פּירוד צווישען די יודישע שבטים. די אונטערגע-

געבענע אומות הויבען וויעדער אויף די קעפ און מיט ווילדע מחנות פאלען זיי אן אויף א וואס'ער ניט איז יודישען שבט און פערקנעכטען איהם. האט די פערקנעכטונג געדויערט ביז עס ערשיינט א נייער „שופט" און ברענגט מיט זיין מאכט שלום ושלוה דעם פאלק און דעם לאנד.

יאהרען זענען אריבער. דאס פארצייטיגע איינפאכע לעבען פון יודען איז פערוויקעלט געווארען, די אומגליקליכע רעזולטאטען פונ'ם פירוד און דעזארגאניזאציע האבען זיך דייטליך געגעבען צופיהלען. די שטארקע שונאים פון יודען—די פלשתים, מאכענדיג א בונד פון פינף מלוכות, האבען אונאויפהערליך בעאונרוהיגט די יודישע שבטים. די נויטיגקייט פון ארגאניזירען און פעראייניגען זיך איז קלאר און דייטליך געוועזען. אט די נויטיגקייט איז בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן בייספיעל פון די פלשתים, וועלכע א דאנק זייער ארגאניזירונג, האבען אנגעהויבען פערנעמען איינס נאכ'ן אנדערען היבשע ערטער אין לאנד. אט דעם פראצעס פון ארגאניזאציע הויבט זיך אן אויך ביי יודען. דער ערשטער מלך איז ערשיענען שאול. ער פיהרט צום ערשטען זיעג-רייכע מלחמות מיט די פלשתים און האלט אב זייערע מורא'דיגע חוואליעס, וועלכע זענען גרייט איינצושלינגען די שכנ'ישע יודישע שבטים, נאר איהם איז ניט בעשערט געוועזען דאס לאנד צו בערוהיגען און די צוטרעטענע רייכטהימער אויפצומונטערען. דאס האט אויפגעטהון זיין פערטרעטער דוד, ווי איין אדלער טראגט ער זיך מיט זיין העלדען-מחנה איבער'ן גאנצען לאנד, בעקעמפפט די וואס ווילען זיך ניט אונטערגעבען, בעשטראפט די מורדים און נעמט אב ביי זיי איין געגענד נאך דער אנדערער. די פאלשע פלשתים, די אונרוהיגע עמון ומואב און אויך עזות'דיגע אדומים זענען גענויטיגט אנערקענען איבער זיך די ממשלה פון יודישען מלך.

און פערשפרייט האט זיך די יודישע מלוכה איבער גאנץ ארץ-ישראל פון דמשק אין צפון און ביז'ן ים-סוף אויף דרום. און די ווילדע רוצהים פון דער וויסטע, וואס האבען אונאויפהערליך געראבירט די מזרח געגענדען. האבען איצט ניט געוואגט זיך ווידער צו ווייזען, געציטערט פאר דעם פון היינט אן מורא'דיגען יודישען מלך.

ביי די יבוסים האט דוד אבגענומען ירושלים. אויפגעבויעט אין איהם א טורעם און פעסטונגען, איהם בעפוצט מיט א פאלאץ און פערשיעדענע בנינים. ירושלים האט ער געמאכט פאר זיין מלוכה-שטאדט

פּאַר אַ פּאָליטישען צענטער, וואָס האָט פערייניגט אַרום זיך די צע־וואָרפענע שבטים און האָט געמאַכט די התחלה פון אַ רעגעלמעסיגער מלוכה׳שער אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון דוד׳ס זוהן, שלמה, האָט אַלץ דאָס לאַנד אין זיין בליהען. דוד׳ס שיועררד האָט געגעבען דעם פאָלק שטעדט און נייע קאַנטען, פריהייט און ערד; שלמה׳ס חכמה האָט גע־בראַכט דעם לאַנד שלום ושלוה, די אויפבליהונג פון אַלע זיינע כחות און אַ ווערט אין דער גאַנצער וועלט. כמעט גאַנץ ארץ־ישראל געפינט זיך אין די הענד פון׳ם יודישען פאָלק. שלמה בויעט שטעדט און פעסטונגען, בעפוצט די קרוין־שטאָדט מיט פּאַלאַצען און אַ טעמפעל. ער לעגט דורך אַ וועג, מאַכט ערטער אויף צו פערפערטיגען און פעררעכטען שיפען אויפ׳ן ים־סוף און בויעט שיפען. אונענדליך ציהען זיך די קאַראַ־וואַנען, אַנגעלאָדען מיט כל־טוב און אַלערליי סחורות. די יודישע סוחרים האַנדלען מיט איספּאַניע, עזופּטען, אופיר און תרשיש. אָט דער שלום ניט די מעגליכקייט דעם בויער זיך רוהיג בעאַרבייטען זיין פעלד. נאָך גרע־סער ווערד דער וואוילשטאַנד פון לאַנד און די איינוואוינער זיצען זיך רוהיג „איש תחת גפני ותחת תאנתו“. שלמה המלך מאַכט פערבינדונגען אוּ אָנמאַכונגען מיט די אַרומיגע שכנים, מיט פיניקיע און מצרים. אָט די פערבאַנדען געבען געוויסע הטבות דעם לאַנד. און חאָטש שלמה המלך האָט אָבגעטרעטען די פעניציער צוואַנציג שטעדט אין גליל פאַר זייער היליף בנוגע צום בויען פּאַלאַצען· דאָך האָט זיך איהם איינגעגעבען צוּ דעקען אָט די הוצאות דורך אַנדערע פערשידענע קאָמבינאַציעס. ארץ־ישראל רוקט זיך אַרויס אויפ׳ן פּלאַטץ פון דער וועלט־געשיכטע און די יודישע מלוכה הויבט אָן צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע מלוכות און מלכים.

נאָך שלמה־המלך׳ס טוידט צופאַלט זיך די מלוכה. נאָך כמעט אַ הונדערט־יאָהריגער פעראייניגונג, אויף צוויי בעזונדערע מלוכות: די דרום׳דיגע און די צפון׳דיגע. די דרום׳דיגע מלוכה, די קלענערע מיט׳ן צענטער ירושלים, הייסט מלוכת יהודה, די צפון׳דיגע וויעדער, וועל־כע איז פיעל גרעסער געוועזען, רופט זיך מלוכת אפרים אדער ישראל. אַחוץ ירושלים ערשיינט נאָך אַ נייע הויפּטשטאָדט שכם, דערנאָך שמרון. צווישען ביידע מלוכות צופלאַקערט זיך איין עקשנות׳־דיגער קאַמפף, היות די ריכטיגע קרוין־יורשים פון שלמה׳ן קאָנען ניט מסכים זיין אויפ׳ן אָבטיילען זיך פון די עשרת השבטים. נאָר די מחלוקת

איז ניט פערשוואונדען און פון איצט אן איז אין ארץ־ישראל ניט אײנע נאר צוויי יודישע מלוכות.

דער הויפט עסק פון די אײנוואוינער פון אט די צוויי מלוכות איז ערד־ארבײט, אקערבוי. וויין־בוי און גערטנערײ איז פערשפרייט געווען ניט נאר אין די דערפער, נאר אויך אין די שטעדט. נאר אין מזרח, אין דער געגענד פון יענער זייט ירדן און אין דרום אין אײניגע ערטער פון יהודה, פערנעהמען זיך די אײנוואוינער הויפטזעכליך מיט פיהצוכט. א היבשען טייל פון פאלק האט מען אריינגעצויגען אין מסחר און אין האנדעלס טעטינקייט. ארץ־ישראל האט א ברייטען אנטייל גענומען אינ'ם האנדעל פון די דעמאלדיגע קולטור־לענדער פון מזרח, שיקענדיג קאראוואנען און האנדעלס שיפען אין די ווייטע מדינות. נאכ'ן ערך פון וואוקס פון מסחר פון פאליטישען לעבען און ענטוויקלונג פון קריגס־ענינים, האט זיך אויך פערגרעסערט אין לאנד די צאהל שטעדט און פעסטונגען. דאס רייכע לעבען פון הויף האט געפאדערט א בעשטענדיגען מקור־הכנסה. אזא מקור זענען געווען אחוץ די נאלאגען און שטייערען אויך די מלוכה־גיטער. נאר די ענטוויקלונג פון די יודישע מלוכות איז געשטערט געווען דורך די אינערליכע ארדנונגען און סכסוכים. דינאסטישע איבערקערענישען און דורך די אונאויפהערליכע אנפאלען פון די אויסערליכע שונאים. אזא מצב הענינים האט זיך בעזונדערס שטארק געפיהלט אין דער יודישער צפון־מלוכה. אין א משך פון צוויי יאהר־הונדערט האט זיך אט די מלוכה בעדארפט בעשיצען געגען איהרע שכנים—די ארמים. אין דעם קאמפף אבער האבען די יודען שטענדיג געקאנט שטעהן פאר זייער אונאבהענגיגקייט.

נאר אט הויבט זיך אויף פון ביי די טייכען טיגער (חדקל) און פרת אנ'אנדער מעהר מורא'דיגער כח—די וועלט מושלים אשור, די סאמע מעכטיגע מלוכה פון פאר־אזיען. זיי האבען זיך א לאז געטהון צום ים־התיכון, ארויסווייזענדיג זייער נצחון איבער אלעמען און אבקעהרענדיג אלעס פון זייער וועג. די מענשענרייכע דמשק־מלוכה, די רייכע ביי־ימים'דיגע פיניקיע מלוכה ישראל און יהודה—אט דאס אלעס האט אלץ געצויגען און גענארט צו זיך די רויבער, וועלכע האבען געשטרעבט צו בעקעמפפען די גאנצע וועלט. איינגענומען דמשק האבען די אשורים פערטריבען זיינע אײנוואוינער אין די ווייטע פראווינצען פון אשור. מלוכה דמשק אדער ארם איז צוגעבונדען געווארען צו אשור, און שפעטער בעקומט זי דעם נאמען סוריה (פערקורצט פון „אשוריה"). די בעשיצונגס־פערבאנדען, וועלכע

זענען געשאפען געוואָרען דורך די פעלקער פון ארץ־ישראל געגען דעם אלגעמיינעם שונא–האָבען דאָך ניט געקאָנט אָבהאלטען דעם נצחון־גאַנג פון די אשורים. גלייך נאָך דעם נצחון איבער דמשק טרעטען אריין אָט די מורא'דיגע גבורים אין דער יודישער מלוכה און בעקעמפפען דעם גאנצען מזרח־טייל, וועלכען מ'האָט גערופען ג ל ע ד. זיי רייסען אַוועק אין צפון א גרויסע געגענד, וועלכע איז בעזעצט מיט איינינע יודישע שבטים. אָט דאָס אלעס איז מען מחבר צו מלוכת אשור, די איינוואוינער נעהמט מען אין געפענגעניש אריין און מען זעצט זיי אויס אין די ווייטע עקען פון דער אשור'שער ממשלה.

די פעניציער און אנדערע פעלקער האָבען געהאַט דעם זעלבען מזל, וואָס די יודישע מלוכה. אומזיסט האָבען די אלע פעלקער גע־שטרעבט צו מאכען איין אויפשטאַנד, האָפענדיג אויף דער הילף פון מצרים צופיעל מעכטיג איז די אייזערנע האַנד פון אשור. אָט די גאנצע קאָבעניש און די אלע מרידות האָבען נאָר געבראַכט דערצו, דאָס אשור. אויפגע־בראַכט פון אָט דעם אלעמען, האָט מיט איין אונגעהויערען חיל זיך ווידער אריינגעריסען קיין ארץ־ישראל. בעלאגערט די הויפט־שטאָדט פון דער יודישער מלוכה–שמרון און זי איינגענומען אין יאָהר 721 פאַר כריסטוס געבורט.

אשור האָט בעשלאָסען אויף אייביג ענדיגען מיט דער יודישער מלוכה. צעהנדלינגער טויזענדער יודען האָבען זיי מיט זיך געפיהרט אלס געפאַנגענע און זיי בעזעצט אין די וויסטע געגענדען פון זייער מלוכה. שמרון און אנדערע יודישע שטעדט האָבען פערלוירען דעם גרעסטען טהייל פון זייערע איינוואוינער. אין די פוסטע יודישע שטעדט האָבען די אשורים געבראַכט אויף צו וואוינען אשורים, בבלים און אנדערע פעל־קער פון די (אלטע) געגענדען פון זייער מלוכה. די אנגעקומענע זענען געווען געצענדיענער, נאָר מיט דער צייט האָבען זיי אנגענומען פיעל יודישע מנהגים און אמונות. זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט די אָרטיגע יודען, וואָס זענען פערבליבען, און שפעטער בילדען זיי א בעזונדערע אומה, האלב־געצענדיענערישע און האלב־יודישע, וועלכע איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען ש מ ר ו נ י ם.–אזוי איז אונטערגעגאַנגען די יודישע מלוכה.

סוריה אין א גרויסער טייל פון ארץ־ישראל איז געווען אין די הענד פון אשור. די יודישע בעפעלקערונג פון לאַנד האָט זיך איצט קאָנ־צענטרירט אין דעם קליינעם יהודה. די ארץ־ישראל'ער אומות צוזאַמען מיט די בני יהודה האָבען נעפרובט זיך פעראייניגען כדי איינאיינעם צו

קעמפפען געגען די, וואס ווילען זיי פערקנעכטען, אשור אבער האט אהך א בעזונדער מיה זיי אלע גובר נעווען. צושלאגען די פעניציער און די פלשתים, רייסען זיך די אשורים אריין קיין יהודה, ראבירען און פערברענען שטעדט און דערפער. דאס מאל אבער לעגט אב יהודה איהר פאלקאמענע מפלה דורך פיעל רייכע מתנות. אנגעהויבען דורך אשור, ווערט דער חורבן פון לאנד פערענדיגט דורך די ווילדע מחנות פון סקיפען, וואס האבען זיך דורכגעטראגען איבער ארץ־ישראל ווי א חרוב־מאכענדער אוראגאן.

מצרים, וועלכע איז דערווייל שטארק געווארען האט פערפיהרט א מלחמה מיט אשור און האט איינגענומען יהודה. פון איין מושל איז דאס לאנד אריבער צום צווייטען.

דאס פאמעליכע צופאלען פון אשור קומט אלץ פאר. מדין און בבל האבען חרוב געמאכט איהר פראכטפולע רעזידענץ נינוה, צוטיילט צווישען זיך אלע גיטער פון אשור. סיריה און ארץ־ישראל זענען אריבער צו די בבלים. עס ברענט פאנאנדער א מלחמה צווישען מצרים און בבל פאר די הערשאפט איבער ארץ־ישראל. מצרים האט א מפלה און מוז אבריינינגען דאס לאנד פאר די נייע מושלים — די בבלים. צווישען אנדערע ווערט אויך יהודה די מס־געבערין פון בבל. אט די אכזריות'דיגע בבל, אט דער פגע־רע האט מיט איהר רויבער־פאליטיק און געוואלד געשפייזט די מרידה־געפיהלען פון די ארץ־ישראל'ער נאציאנען. צווישען די לעצטע הויבען זיך ווידער אן הכנות צו'ן א מרידה געגען דעם שטאלצען מושל פון אזיען. אויך אין יהודה האט זיך פערשטארקט אט דער נייהט פון אויפגעבראכטקייט. און אט דער אויפשטאנד האט בעשלאסען דעם גורל פון ארץ־ישראל און יהודה. פיניקיע איז אינגאנצען געפאלען און דאס אונגעהויערע חיל פון בבל האט זיך גלייך געלאזט אויף ירושלים מיט'ן בעפעהל פון שטרענגען נבוכדנצר, הרוב צו מאכען דאס אויפשטעהענדע לאנד. דאס חיל פון בבל האט אריינגעדרונגען קיין יהודה, איינגענומען דורך שטורם פיעלע שטעדט און פעסטונגען, געראבירט און געפאנגען די איינוואוינער, צוטרעטען די פעלדער און פערטריבען די טשערעדעס. אין יאהר 568 נעמט מען ירושלים. און די ממשלה פון בבל האט זיך געלעגט אויפ'ן גאנצען לאנד. ווי פריהער אין דער ישראל־מלוכה אזוי אויך איצט אין יהודה איז פערבליבען ניט קיין גרויסע צאהל תושבים. איבערהויפט פון המון עם. טויזענדער יודישע משפחות האט מען פערטריבען אין שביה און זיי בעזעצט אין די וויטע בבל'שע פראווינ־

צען און אין בבל גופא. דאס לאנד איז אהן מענשען געבליבען. איינינע געגענדען פון לאנד זענען טאקי פשוט פוסט געווארען: אנשטאט מענשען האבען דארט ווילדע חיות געבלאנזשעט.

בבל האט געהאט דעם זעלבען גורל, וואס אלע אנדערע וועלט־מלוכות פון פאדער־אזיען. דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איהר ענטוויקלונג, האט זי אנגעהויבען צוריקפאלען ביז זי איז אינגאנצען צופאלען געווארען, אום אויף אזא אופן צו קענען אויך פון איהר זייט ווערען א קרבן פון א מעהר שטארקערען און מעהר גליקליכען געגנער. אזא געגנער איז געוועזן פרס. דער מלך פרס, כורש, האט געמאכט אנ'ענדע מיט דער עקזיסטענץ פון בבל און האט צוגענומען ביי איהר אלע איינגענומענע פראווינצען. ארץ־ישראל איז אריבער אין די הענד פון די פרסים. א דאנק דער מיטווירקונג פון כורש'ן האבען די בבל'ישע געפאנגענע יודען בעקומען די מעגליכקייט צוריקקעהרען קיין ארץ־ישראל לעבעדיג און פרעהליך האבען זיך אט די גולם אומגעקעהרט אין זייער פאטערלאנד. זייער לאנד אבער האבען זיי געטראפען אין פרעמדע הענד די איבערגעבליבענע יודען האבען זיך צונויפגעשטופט ארום שמרון, וואו זיי האבען זיך אויסגעמישט מיט פרעמדע אומות, גליל האבען פערהאפט די פעניציער און לשורים. אויף דרום האט זיך מדין צושפרייט ביז חברון. דער עבר הירדן איז געוועזן אין די הענד פון עמון. אויף מערב האבען די פלשתים אריינגעהאפט דאס גאנצע גלייך־פלאץ ביז'ן ים און פערנומען אפילו א טייל אויך פון דעם בערגיגען יהודה די פלעצער, וועלכע זענען ניט געוועזן פערנומען דורך די שכנ'שה פעלקער זענען פערפלייצט געווען מיט וועלף, חיות און באנדעס גזלנים.

ערשט אין 70—80 יאהר ארום האט זיך איינגעגעבען צוויי גרויסע לייט, עזרא און נחמיה, אבריינינגען דאס לאנד פון די חורבות, בויען די פערוויסטעטע ירושלים, אויסבעסערען די וועגען און איינפיהרען אין יהודה ארדנונג און רוהיגקייט. יהודה ווערט א פראווינץ פון פרס, בענוצט זיך מיט א ברייטער זעלבסטפערוואלטונג און הויבט אן כהדרגה אויפצולעבען.

אלכסנד מקדון, וואס האט געמאכט ציטערען די גאנצע וועלט, פערוואנדעלט די וועלט־מלוכה פרס אין א חורבה. צווישען די איבריגע פערסישע פראווינצען געבען זיך איבער דעם מאקעדאנישען העלד אויך סוריה מיט יהודה און פיניקיע. גאנץ ארץ־ישראל ווערט דאס פערמעגען פון אט דעם מעכטיגען מנצח.

אין די אבגענומענע לענדער פלעגט אלכסנדר איבערלאזען זיינע

פערטרעטער. יהודה איז געווען אין כלל פון דער פראווינץ קעלעסיריע, וואו עס איז געווען א קיסר'שער פערטרעטער. אין די אינערליכע ענינים האט יהודה נאך געהאט די פריהערדיגע זעלבסט־פערוואלטונג. די בני יהודה זענען נאר מחויב געווען צו צאהלען א געוויסען ערד־אבצאהל די מאקעדאנישע פערטרעטער, ווי זיי האבען דאס פריהער געצאהלט די פערסישע כאטראפען. די רעזידענץ פון פערטרעטער איז געווארען די שטאדט שמרון.

נאכ'ן טוידט פון אלכסנדר, ווען זיין ממשלה געהט איבער צו זיינע צוויי פעלד־הערען תלמי און סיליקוס, רוקט זיך ווידער ארץ־ישראל ארויס אין מרכז פון וועלט־לעבען און ווי אמאל קעמפפען צוויי מלוכות, עגיפטען און סוריה, פאר דער הערשאפט איבער איהר. אט געהערט ווי די עגיפּ־טישע תלמי'ם און אט איז זי שוין ביי די סירישע סיליקוס'ן. לסוף פון אט דעם קאמפף בלייבט ארץ־ישראל ביי די סיליקוס'ן, ווערט א פראווינץ פון דער סירישער מלוכה און געפינט זיך אונטער איהר אייזערנעם יאך ביז דעם אויפשטאנד פון די חשמונאים, ווען דאס לאנד קעהרט זיך צוריק אין אונאבהענגיגקייט.

אין דער צייט דערוויל, א דאנק דעם צוואוקס פון דער בעפעל־קערונג, הויבען אן די יודען, וועלכע האבען זיך אין דער צייט פון ממשלת הפרסים בעזעצט אין דרום ארץ־ישראל, אייגענטליך אין יהודה — פאמעליך בעזעצען אויך די צפונ'דיגע חלקים פון לאנד. דער עבר הירדן אבער האט זיך שוואך בעזעצט דורך יודען, וויל דאס ארט דוקא איז זעהר אפט פערוויסטעט געווארען דורך די אנפאלען פון רויבער בע־דואינער.

דאס אריינדרינגען פון דער גריכישער השפעה האט געלאזט טיפע שפורען אויפ'ן אינערליכען לעבען פון לאנד. די גריכישע מנצחים האבען געגלויבט, דאס אויף זיי איז מיטעל צו פערפלאנצען אין די אבגענומענע לענדער די גריכישע קולטור, מדות און מנהגים.

די אינערליכע ווער־טאנשויאונג פון די גריכען, אין וועלכער ס'האבען געשפיעלט די הויפט ראליע דאס געפיהל פון שענהייט און געזעלשאפט־ליכקייט, האט זיך אויסערליך אויסגעדריקט אין רעליגיעזען קולט, אין שעהנע סטאטועען און בנינים, אין פאלקס־שפיעלען און שטרייטען.

די שטרעבונג פון די גריכען צו העלעניזירען ארץ־ישראל און יהודה האט נעפונען מיטגעפיהל אין די ברייטע קרייזען פון די סירישע יחסנים (אריסטאקראטיע), וועלכע זענען איבעראאשט געווען פון דעם

אויסערליכען גלאנץ און וועלכע האבען גאר ניט אכטונג געגעבען
אויף דעם, דאס אין דעם העליזמוס פון די סירישע גריכען איז גע=
ווען מעהר אבשטויסענדעס איידער אנלאקענדעס וואס קען צוציהען. אין
ירושלים, נעבען טעמפעל, זענען ערשינען גימנאזיעס און בעדער,
עס זענען געמאכט געוואָרען היפּאָדראָמען פאר לויפעריַיען—און די
מלוכה=שטאדט איז בעדעקט געוואָרען מיט נייע בנינים אין גריכישען
טעם. אט דער שטאדט פון העלעניזמוס ווערט נאך שטארקער ביים
סירישען קיסר אנטיוכס אפּפנוס, וועלכער נעמט זיך מיט זיין אונגע=
וועהנליכען אכזריות אויסוואָרצלען אין לאנד אלעס וואס יודיש איז,
זיין הויפּט=שטרעבונג איז געוועזען ארויסצוטרייבען פון יהודה, אדער
לפחות פון ירושלים, די אלטע איינוואוינער און זיי פערביַיטען מיט
קאלאניסטען פון די גריכען. איבער דעם אונאויפהערליכען גירוש האָ=
בען פיעל יודען פערלאָזט ירושלים און זיינע סביבות. פיעלע פון די
פערבליבענע זענען אויסגעהרגט געוואָרען, אדער זיי האבען זיך גע=
מוזט אבזאגען פון זייער אמונה. אום צו בעזעצען די פוסטע שטאדט
האט מען געבראכט געצענדיגענער. עס זענען איבערגעגאנגען איניגע
יאהר, אין משך פון וועלכע עס האבען געוואוינט אין איהר גאר
איינצעלנע יודען. די גריכען האבען צוגראבען די שטאדט=מויערען
(ווענד), אויפ'ן בארג וואס קעגען ציון האבען זיי אויסגעבויעט א בע=
זונדער ציטאדעל, וועלכער זיי האבען א נאמען געגעבען אקרא, כדי
ס'זאל קענען דיענען אלס פעסטונג פאר זייער גארניזאן און אין דער
זעלבער צייט אלס עיר מקלט פאר די העלעניסטען און פושעי ישראל.
כמעט אין אלע שטעדט זענען ערשינען טעמפּלען פון עבודה זרה
און במות פאר יופּיטער און קאפּיטאליען.

אונטער דער ממשלה פון אט דעם אנטיוכס האט דאס לאנד
איבערגעלעבט מורא'דיגע יאהרען פון עקאנאמישען און קולטורעלען
חורבן. מיט שטראָמען בלוט און טרעהרען איז ארץ=ישראל אנגע=
זאפּט געוואָרען. די בעפעלקערונג, וועלכע האט זיך צוטיילט אויף
פיינדליכע מהנות, אויסגעמאטערט אי פיזיש אי מאראליש, האט אוועק=
געוואָרפען איהרע איינגעזעסענע ערטער און זיך בעהאלטען אויף די
בערג און אין די היילען, פעלדער זענען פערוויסטעט געוואָרען בשעת
מהומה, ווען עס האבען אין לאנד בעל=הבית'ועט די סירישע סאָל=
דאטען, וועלכע די פערדעטער העלעניסטען האבען געבראכט צו

היִלף. דיִ וועגען זענען געוואָרען ניִט אויף דורכצוגעהן; דעם ישוב האָט מען איִבּערגעגעבּען איִן רשות פון שווערד און פייער.

דיִ בּעפעלקערונג פון יהודה האָט זיך אויפגעהויבען געגען זייערע אונטערדריקער—די גריכען. בּראש פון די מורדים איז געשטאַנען דער בּעוואוסטער העלד יהודה המכבּי. דורך א גאַנצער ריִיה גלענצענדע נצחונות האָט ער כמעט בּעפרייעט דאס לאַנד פונ'ם אונטערדריקען סיריִשען עול. די וויִיטערדיגע פאָרשטעהער פון משפּחת החשמנאים—יוחנן הורקנוס און שמעון מונטערען איִהר פריִהערדיגען גלאַנץ און מעכטיגקייט. שמעון בּייעט אויף די חרובּ'ע שטעדט און פעסטונגען, רעסטאווריִרט (בּרענגט איִן פריִערדיגען מצב) ירושלים, שלאָגט זיך צו בּיִז צום ים התיכון און פערפעסטיגט פאר זיך די ממשלה איבּער יפו. די נצחונות איִבּער די אַרומיגע קריִיגע פעלקער צוריקען די גרעניצען פון דער מלוכה בּיִז יענע גבולים, וועלכע האָבּען עקזיסטירט איִן דער צייט פון דער גלענצענדער מלוכת־דוד.

עס הויבט זיך אָן א פלאַנמעסיגע קאָלאָניזירונג פון גליל; האָטש די יודען גיט זיך ניִט איִין אַרויסצושטופען פון דאָרטען די אָנגעקומענע גריכען און סיריִצען, ניִט קוקענדיג אויף די אַרע פאָרט־שריִטען פון די חשמונאים האָבּען זיך אָט די עלעמענטען פעסט בּעזעצט אין לאַנד. דורך זיי זענען געגרינדעט געוואָרען פיעל גריכישע שטעדט מיִט גריכישער בּעפעלקערונג; פיִעלע גינסטיגע ים־פונקטען זענען פערהאַפט און קאָלאָניזירט געוואָרען דורך די גריכען.

הונדערט יאָהר האָט געדויערט די אונאָבּהענגיגע לאַגע פון לאַנד. איִן יאָהר 63 פאר כריסטוס געבּורט טרעט אריין איִן ירושלים דער ערשטער רוימישער מנצח פּאָמפּעאיס און פון דאַנען רעגט ער זיין שווערע מעכטיגע האַנד אויף גאַנץ ארץ־ישראל. ארץ־ישראל שפּאַנט ער נאָך ניִט צו פאַלקאָם צו זיינע גיטער, דאס קומט פאר אַביסעל שפּעטער; נאָר ער שטעלט דאָרט אוועק זיינעם א מושל. איִן לאַנד הערען ניט אויף די אינערליכע סכסוכים צווישען פערשיעדענע גרופּען און פּאַרטייען. אָט די סכסוכים צוזאַמען מיִט דער עקשנות'דיגער און פּראַנמעסיגער פּאָליטיק פון רוים, א פּאָליטיק פון פּאַמעליכען אריינהאַפּען—קאָנען געוועהנליך ניט מיטווירקען דער אויפבּליהונג פון לאַנד. אָט ווערען שמעלער די גרענעצען פון יהודה און אָט פערבּרייטערען זיי זיך בּיִז די גבולים פון דער בּעסטער צייט פון איהר אויפבּליהונג; אָט ווערט דער יודישער קאָפּ בּעקראַנצט מיט

דער מלוכה־קרוין און הערט אוים מיט א שטאָלצער קאַלטקײַט ווי די רוימישע שלוחים רופען איהם אינ׳ס נאָמען פון סענאַט: דער „פרײַנד״ פון דער גרויסער וועלט־מלוכה רוים, און אַט קריכט ער ווידער קנעכטיש קעגען די רוימישע מושלים.

אין יאָהר 25 פאר כריסטוס געבוירט יוערט קיסר פון יהודה דורך אמת׳ע און ניט אמת׳ע מיטלען—הורדוס. זײַן דײערענדע ממשלה וועלכע האט געבראַכט פיעל אומגליקען די יודען האט איבערגעראָזט קענטיגע שפורען אין ארץ־ישראל. דורך געלונגענע מלחמות און ערמה׳שע פאָליטישע קאָמבינאַציעס האָט זיך איהם אײַנגעגעבען מאכען יהודה פאר איין אונהאָבהענגיגע מלוכה, אײַנשטילען די צובונטעװעטע ארץ־ישראל׳שע פעלקער און פערברייטערען די גרענעצען פון לאנד אויף איין אונגעהויערען שטח. אין דער צײַט פון זײַן ממשלה איז געווען א פעריאָד, ווען ער האט געשטרעבט פערפרײַצען דאָס גאַנצע לאנד מיט רוימישער קולטור. מיט דער דורשט פון איין דעספאָט צום דרוי־סענדיגען גלאנץ בויעט ער אהן איין עק וואסערלײַטונגען, שאָסען, פאַלאַצען, בעדער, גימנאַזיען און טעאַטערען; ער האט אויך אויסגע־בויעט א נײַעם בית־המקדש אויפ׳ן אָרט פון דעם בירנעם אַלטען, וועלכער איז געבויעט געוואָרען דורך די יודען מיט 500 יאָהר פאר דעם, דעמאָלט ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט פון גלות בבל. ניט בענוגענדיג זיך מיט דעם גריגרעט ער אויך גאַנצע שטעדט. לכבוד זײַן מוטער האט ער אויסגעבויעט העכער פון יריחו א שטארקע פעס־טונג, וועלכער ער האט א נאָמען נענעבען קיפר. נאך פריהער האָט ער לכבוד זײַן זוהן אנטיפאַטער געגרינדעט א נײַע שטאדט און איהר א נאָמען געגעבען אנטיפאטריצא. לכבוד זײַן ברודער פאַזאַאיל האט ער איבער ירושלים אוועקגעשטעלט א טורעם פאַזאַאילאַוו, און בײַם אַרײַננאַנג אין צפון־טײַל פון ירחו׳ער דאָלינע האט ער געגרינדעט א נײַע שטאָדט, וועלכע ער האט אָנגערופען ווידער לכבוד זײַן ברודער־פאַזאַאירא, א דאנק דעם אָרעמען האָט זיך דער מצב פון דער ביז איצט אונפראַכטבאַרער סביבה פון יריחו שטאַרק אויפגעהויבען.

אַט דעם הורדוס׳עס אַרבײַט איז אויך טײַל־ווײַז געווען די אויפ־לעבונג פון פיעל פאָרטאָווע שטעדט ווי צור, צידון, בײַרוט, אשקלון און אַנדערע, אין וועלכע עס האָט זיך גיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דער מסחר און אינדוסטריע, ער האט צוריק אויפגעשטעלט שמרון, וועלכע איז ביז איהם אויף האַלב חרוב געווען, געמאַכט פיעל נײַע

בנינים, פערגרעסערט דעם שטח, וואס זי האט פריהער פערנעמען און בעזונדערס אין איהר זעקס טויזענד נייע קאלאניסטען. פערוואנדעלט שמרון ווידער אמאל אין א גרענצענדער שטאדט—האט איהר הורדוס אנגערופען אויפ'ן גריכישען נאמען פון רוימישען מלך אווגוסט—סעבאסטא.
נאך מעהר האט זיך הורדוס'ן איינגעגעבען דאס אויפשטעלען קיסריה, וועלכע האט געהאט א גרויסען פארט און איז געווען דער צענטר פון ים־מסחר, בעזונדערס אט די שטאדט האלב מיט יודען האלב מיט גריכען האט הורדוס געגרינדעט דאס, אז דא האט נישט אויפגעהערט דער קאמפף צווישען אט די צוויי עלעמענטען. אם ענדע פון ערשטען יאהר־הונדערט איז אין קעסאריע געווען דער גרעסטער רוב געצענ־דינער, ירושלים ווידער איז געווען אונטער קעסאריע און האט זיך געפונען אין א פארשטענדיגער אבהענגיגקייט פון דער לעצטער. אט דאס איבערשטייגען פון דעם עלעמענט פון ניט־צענדיגער האט זיך ארויסגעוויזען ניט נאר אין דער צאהל פון דער גריכישער און רוימישער בעפעלקערונג נאר אויך אין אלעמען, אינים ארט לעבען פון די נייע־אויסגעבויעטע שטעדט, וואס האבען מיט זייער געשטאלט דערמאנט אין די גריכישע און רוימישע שטעדט.

אחוץ די אנגעוויזענע שטעדט האט הורדוס אויסגעבויעט אין יהודה א גאנצע רייהע פעסטונגען. בעזונדערס אין די דאזיגע ערטער, קיין מזרח פון ים־כנרת, קאלאניסטען פון אדום און פון די בבל־יודען, האט ער איף אזא אופן אבגעשטעלט די רויבערייע, וועלכע האט דארטען שולט געווען.
דער מסחר האט געבליהט. אינגאנצען דער עבר הירדן האט זיך פעראייניגט צו יהודה, און איהר ממשלה האט זיך איצט פער־שפרייט וויט אויף מזרח.
עס האט זיך אויסגעוויזען, אז אט קערען זיך אום די גרענ־צענדע צייטען פון דוד און שלמה.

הורדוס איז אבער קודם כל געווען א חיטרע אדומי און א בעזער טיראן, וואס האט געזארגט ניט אזוי פיעל וועגען די פארטשרי־טען פון לאנד, וויפיעל וועגען זיין פערזענליכען רייך ווערען, וועגען אבהיטען זיין כבוד און דעם ליעבליבען שמייכעל פון די רוימישע מושלים. די לאגע פון לאנד, ביי דעם גאנצען גיבען וואוקס פון איהר ענטוויקלונג, האט זיך פון רעסטוועגען ניט געקאנט רעכענען פאר א

פּעסטער. ווײַל זי האָט זיך דאָך געפֿונען אונטער דעם אַפּטרופּסות פֿון דעם ווילדען און דורשטיגען רוים.

יהודה איז געוואָרען שוין אַ צופֿיעל מעכטיגער און געפֿעהרליכער וואַסאַל און ווען, נאָך הורדוס'עס טוידט, איז געוואָרען אַ קריעג מכח איבערנעמען די מלוכה איז דאָס צונוטץ געקומען די רוימער.

אײַנער פֿון זײַנע זוהן האָט בעקומען די ממשלה איבער יהודה און שמרון, דער צווייטער איבער פּירעָרי און גליל, דער דריטער די געגענדען וואָס אין מזרח פֿון ים־כנרת ביז'ן לבנון.

בײַ דער ערשטער פּראָווינץ האָט זיך די אונאַבהענגיגקײַט ניט לאַנג. אין צעהן יאָהר אַרום זאָגט מען אָב איהר מושל אַרכילאַי, מען פֿערשיקט איהם און זײַנע יורשים אין יהודה און אין שמרון זענען געוואָרען רוימישע פֿערטרעטער. עטוואָס זיך לענגער האַלטען אין זײַן געגענד גליל און פּירעָרי האָט זיך אײַנגעגעבען דעם צווייטען זוהן פֿון הירדוס'ן—אַנטיפּר. ער האָט פֿערוואַנדעלט זײַן רעזידענץ סעפּפאָריס (צפּורי), וועלכע איז ניט לאַנג פֿאַר דעם חרוב געוואָרען, אין אַ קליין ירושלים מיט פּאַלאַצען, צירקען און אַמפֿיטעאַטערען.

דאָך געהט איבער גאַנץ ארץ־ישראל בהדרגה אונטער דער ממשלה פֿון די רוימישע פֿערטרעטער—על פּי רוב גראָבע און שלעכטע מענשען, וועלכע מאַכען חרוב אומברחמנות דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק. די אונערטרעגליכע נאָגען (שטײַער), פֿעריאָדישע רויבערײַען פֿון די טעמפּעל־אוצרות און די אונאויפֿהערליכע מערדערײַ איבער די בעסטע מענשען פֿון לאַנד אַט דאָס אַלעס ברענגט יהודה'ן צו דער יאוש'דיגער החלטה צו שטרײַטען, כּדי אַט אין דעם שטרײַט צו זיעגען אָדער אינגאַנצען אָבשטאַרבען.

דאָס איז אַ שרעקליכער קאַמפּף געווען, פֿיער יאָהר געדויערט דער שטרײַט צווישען אַ קאַרליק און גרויסען גבור. נאָר זעהר ניט גרײַך זענען די כּחות געווען—און דער גורל פֿון ארץ־ישראל איז בעשלאָסען געוואָרען. די שאַרפֿע נעגעל פֿון רוימישען אָדלער האָבען זיך אַלץ טיעפֿער אַרײַנגעגראָבען אין דעם אויסגעמאַטערטען לײַב פֿון יהודה.

פֿריהער פֿון אַלעמען איז געפֿאַלען פֿון ארץ־ישראל—גליל.

שפּעטער אין משך פֿון דרײַ יאָהר איז דאָס גאַנצע לאַנד נכנע געוואָרען דורכ'ן בעוואוכסטען רוימישען פֿעלדהער אַספּסינוס, זײַן זוהן

טיטוס פֿערענדיגט דעם חורבן און אין 70־טען יאָהר נאָך כריסטוס געבוירט. נאָך אַ דויערענדען און עקשנות׳דיגען ווידערשטעהען, איז ער מנצח ירושלים.

ניט ביליג האט דער נצחון אָבגעקאָסט די רוימער.

די זיעגער איז אויסגעקומען שפאַנען איבער גאַנצע בערג מתים; יעדע גאַס, יעדעס בערגעל האָט מען געמוזט נעמען מיט שטורם. אָבער די גאַנצע לייבען־גבורה פון די בעשיצער האט ניט מציל געווען יהודה פון איהר מפלה. די כחית וואס האבען זיך בענגענט אָט אין דעם שטרייט זענען זעהר ניט גלייך געוועזען דערצו.

יהודה איז געפאַלען, ירושלים און אַנדערע שטעדט זענען חורבות געוואָרען, אַיועקגעפיהרט אין שביה, וואו זיי זענען אומגעקומען אין די צירקען און אין די פינסטערע גריבער. דאָס לאַנד וואָלט יאָר איינגאַנצען אָהן מענשען געבליבען, ווען די רוימישע מלוכה וואָלט זיך ניט נעמען ענערגיש קאָלאָניזירען ארץ־ישראל מיט רוימישע אנגעקומענע.

אין ארץ־ישראל האָבען זיך אָנגעהויבען פערמעהרען רוימישע שטעדט, וועלכע זענען געבויעט געוואָרען הויפּטזעכליך אויף מזרח פון ירדן, אום צו בעשיצען דאס לאַנד געגען די אַראַבער־בעדואינער.

די מאכט פון די רוימער האט זיך געלעגט אויפ׳ן גאַנצען לאַנד.

די מרידה פון בר־כוכבא איז געוועזען איין העלדען־התיהבות וואס האט זיך טרויעריג געענדיגט. פינף יאָהר האָט דער אויפשטאַנד געדויערט און איז פערגאָסען געוועזען מיט טייכען בלוט. די רוימער האָבען איצט בעשלאָסען אויסרייסען מיט׳ן שורש פון ארץ־ישראל אַלעס וואס יודיש איז. אויפ׳ן אָרט פון הרוב׳ן ירושלים האָבען זיי אויפגעבויעט אַ נייע שטאָדט. און די שטאָדט אויף ציון האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען עליאַ קאפּיטאלינא. אונטער דעם עונש פון טוידט־שטראָף האט קיין יוד ניט געוואגט קומען ניט נאָר אין שטאָדט גופא נאָר אייך אין רער סביבה. נאר אין איינציגע שטעדט האָט נאָך שוואך געקלאַפּט דער דופק פון יודישען לעבען. די שטעדט יבנה, צפורי, טבריה און אַנדערע זענען, זיך בייטענדיג, געוואָרען די מקורים פון יודישער חכמה, און זיי האָבען בעדאַרפט פערבייטען די בני יהודה זייער פערלוירענע ירושלים. צווישען אָט די שטעדט פערנעמט טבריה דאס נרעסטע אָרט. אַ דאַנק דעם בית המדרש פון תלמודיסטען וואָס

איז דאָרטען געגרינדעט געוואָרען און וועלכער האָט געהאַט איין אונגעהויערען אויטאָריטעט. בכלל האָבען די ישיבות פון די תלמודיסטען אויך דעמאָלט ווען יהודה איז איינגענומען געוואָרען דורך די רוימער, אָבגעהיט פאַר ארץ־ישראל דעם ווערט פון א יודישען מרכז, אויף וועלכען עס האָט געקוקט דאָס גאַנצע יודענטהום פון אַלע לענדער פון גלות. דער תלמוד וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין ארץ־ישראל און אין בבל איז געוואָרען איין אוניווערסעלער קאָדעקס (ספר הדינים) פון דינים, מוסר און דת, וועלכער האָט רעגולירט אַלע זייטען פון יודישען לעבען.

דער פּאָליטישער צענטער פון לאַנד, אין וועלכען עס האָט זיך קאָנצענטרירט די אדמיניסטראַטיווע הנהגה איבער יהודה איז געוואָרען קעסאַריע, די פונקצען פון אונצופריעדענהייט, וואָס האָבען געגליעט אין פילע ערטער האָבען זיך אָפטמאָהל צובראָכען אין דעם העלישען פייער פון מרידה, וועלכער האָט זיך דאָך געענדיגט מיט'ן חורבן פון די אויפשטעהענדע שטעדט, דעם לאַנד אָבער האָבען זיי קיינע נוטצען ניט געבראַכט.

אזא סוף האָבען געהאַט ציאָצעזאַריע, טבריה, לוד און אַנדערע שטעדט, אין וועלכע עס האָבען (אין יאָהר 325 נאָך כריסטוס גע־בורט) אויפגעפלאַקערט מרידות פון די בני יהודה.

דער דת הנוצרים, וועלכער שטאַמט פון יודישער רעליגיע האָט בהדרגה אָנגעהויבען בעזיעגען דעם אָבערגלויבען פון רוים, די ערשטע חסידים פון כריסטוס, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין געמיינדעס, האָבען זיך בעפעסטיגט אין ירושלים. קעסאַריע און איין אנדערע שטעדט. אמת דער ווערט פון ירושלים, וואָס איז דעמאָלט אין חורבות געלעגען, איז געווען נאָר א קליינער, דאָך קעהרט ירושלים זיך צוריק די פערלוירענע ווערט אַלס ארץ־ישראל'שער צענטער. אין יאָהר 196 קומט שוין דאָרט פאַר דער צוזאַמענפאָהר פון די קריסטליכע עפּיסקאָפּען. די קריסטליכע וועלט הויבט אָן אכטען אָט די שטאָדט ווי דאָס וויגערע פון זייער רעליגיע.

צוגלייך מיט ירושלים הויבען אָן צוציהען צו זיך די אויפ־מערקזאַמקייט אויך אַנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבען די אַרער יענע שייכות צום לעבען און טעטיגקייט פון נוצרי.

אַזעלכע זענען בית־לחם, נצרת און אַנדערע.

אויף וויפיעל דאָס קריסטענטום בעקומט פאַר זיך פעסטע פּאָ־

זיציעס אין דער רוימישער מלוכה, אויף אזוי פיעל פערגרעסערט זיך דער ערך פון ירושלים און פון אנדערע ערטער וואס זענען הייליג ביי די קריסטען. דאס אנערקענען פון קריסטענטום אלס פאלקאם־רעכט־ליכע רעליגיע און דאס קומען פון די מלוכה־מענשען אין די היילינגע ערטער—דאס אלעס איז גורם דאס עולה־רגל זיין פון די שפעטערדיגע דורות, וועלכע הערט ניט אויף ביז היינט.

ירושלים ווערט בערייכט מיט נייע בנינים אויף דעם מאל איז דאס שוין ניט קיין צירקען און טעאטערען נאר קריסטליכע טעמפלען און קלויסטער. דענקמאל מיט ויערכען ס'איז געקנופט געוועזן דער נאמען פון כריסטוס האט זיך שטארק אבגעהיט דורך דער קריסטליכער וועלט. די פראכטפאלע קלויסטערס און רייכע מאנאסטירען, וואס האבען בעדעקט גאנץ ארץ־ישראל, בעזונדערס ירושלים, האבען זי געמאכט, לפחות פון דער דרויסענדיגער זייט, פאר א קריסטליכעס לאנד און דער קוק פון דעם גאטספארכטיגען קריסטענטום איז איצט געווען געווענדעט נאך ארץ־ישראל. נאך דעם, ווען די רוימישע מלוכה איז זיך צופאלען אויף צוויי טיילען מערב'דיגער און מזרח'דיגער אדער וויזאנטיע, זענען סוריה און פאלעסטינע געווארען א וויזאנטינישע פראווינץ.

אונטער דער ממשלה פון די וויזאנטישע מלכים איז דאס לאנד ארץ געגאנגען אויפ'ן יועג פון מפלה און חורבן. די גייסטליכע, וועלכע האבען פערחאפט אין זייערע הענד די גאנצע ממשלה איבער'ן לאנד האבען אונטערגעדריקט אין שורש יעדעס ביסעל לעבען און ענטוויקלונג. מעהר פון אלע האט געליטען פון דעם עול פון די פערמרעטער און פאנאטיזמוס פון די גייסטליכע די יודישע בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל. פאר די יודען איז שטרענג פערבאטען געווען דער צוטריט צו די הייליגע ערטער, פון די פיעלע פריהערדיגע יודישע קהלות האט נאך די טבריה'ר געהאט א שטיקעל ווערט. זי איז געווען די רעזידענץ פון די פאטריארכען און גרויסע געזעצגעבער. וואס מעהר אין צאהל עס זענען געווארען די קריסטליכע קלויסטער און מאנאסטירען אלץ קלענער איז געווארען די צאהל פון יודישע בתי־מדרשים, ווייל דאס געזעץ האט פערבאטען די יודען בויען נייע שולען אויפ'ן ארט פון די חרוב'ע אלטע. אזעלכע בעליידיגונגען און דריקונגען האבען ארויסגערופען איין אויפגערייצטקייט (רגזה) ביי יודען, וואס איז צייטענווייז איבערגעגאנגען אין איין אפענער מרידה, ווען די

יודען האט זיך איינגעגעבען אכזריותדיג נוקס זיין אין זייערע דריקער. אזעלכע בונטען אבער פלעגען סוף כל סוף איינגעשטילט ווערען דורך דעם וויזאנטישען חיל, יודען פלעגט מען בעשטראפען, אנטהוען עניים קשים אדער זיי ארויסטרייבען פון לאנד.

די מאכט פון דער גרויסגעוועזענער רוימישער מלוכה האט זיך א הוידע געטהון. פון אלע זייטען האבען די שונאים געראבירט: די גערמאנער אין צפונית־מערבית, די סלאווען אין צפונית־מזרחית.

אויפ'ן מזרח האט זיך די רוימער ארויסגעוויזען א מורא'דיגער געגנער פערסיע. די נאהענסטע ארענע פון קאמפף צווישען די רוימער און פערסיאנער איז געוועזען ארץ־ישראל. אין יאהר 614 האט זיך דאס פערסישע חיל אריינגעריסען אין ארץ־ישראל. די יודישע בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל, וועלכע איז אויסגעמאטערט געווען פונ'ם אונטערטרעגליכען יאך פון די וויזאנטינער, איז צוגעשטאנען צו די פערסיאנער, האפענדיג דאס די לעצטע וועלען זיי אבגעבען ירושלים און זיי מיטהעלפען שאפען א זעלבשטענדיגע מלוכה. די יודען פון ירושלים, טבריה, גליל, דמשק און קיפר אונטער דער אנפיהרונג בנימין מטבריה האבען זיך געשטעלט אונטער דער פאהן פון די פערסיאנער און צוזאמען מיט זיי האבען זיי אין שטורם גענומען ירושלים, וואו די יודען איז שטרענג פערבאטען געווען צו וואוינען. פיעל קריסטען וואס האבען געוואוינט אין דער היילינגער שטאדט האבען די זיעגער אוסגעהרג'עט. אט אזא מזל האבען געהאט פיעלע אנדערע ארץ־ישראל'שע שטעדט, אין וועלכע די פערסיאנער און יודען האבען חרוב געמאכט קלויסטער און מאנאסטירען פונקט מיט אזא אכזריות, ווי די וויזאנטינער האבען ביז איצט חרוב געמאכט די יודישע שוהלען און שולען.

פירצעהן יאהר האט געדויערט די ממשלה פון די פערסיאנער אין ארץ־ישראל. אין משך פון אט דער צייט האבען די יודען אוספייעט זיך איבערצייגען, דאס די פערסיאנער זענען ניט נאר ווייט פון מקיים זיין דאס וואס זיי האבען צוגעזאגט אומקעהרען ירושלים און שענקען א זעלבסטפערוואלטונג, נאר זיי זענען גרייט פארטצוזעצען די פאליטיק פון זייערע פארגעהענדע, די פאליטיק פון רעפרעסיע און אונטערדריקונג.

אונצופריעדענע און אבגענארטע אין זייערע האפנונגען, שליסען די יודען א פערבאנד מיט'ן שונא פון די פערסיאנער — מיט'ן וויזאנטישען מלך וועלכער איז זיי מבטיח איניגע חטיבות, אויב זיי וועלען איהם בעהילפיג זיין אין שטרייט מיט די פערסיאנער.

ווי באלד אָבער ארץ־ישראל איז אַריבּער אין די הענד פון די ווּיזאנטיער. האָט זיך זייער מלך האַרט נוקם געווען אין די יודען פאר זייער פריהערדיגען פערבאנד מיט די פּערסיאַנער און פאר זייער אנ־פאלען אויף די קריסטען. אלע יודען, וואס האָבען ניט אוספּיעט אנטלויפען אדער זיך בעהאַלטען, זענען אומגעקומען. דאָס רעזולטאט פון אָט דעם אויפשטאנד איז געווען אזא, דאָס אויך אין כמות׳דיגען אויך אין איכות־דיגען פערהעלטענים איז די יודישע בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל שטארק געפאַלען.

קיין סך אָבער געדויערט ניט די שמחה פון די קריסטען.

עס רוקען זיך אין פּוּנ׳ם מזרח די זיגרייכע מחנות פון די אראבער.

---

מחמד, וואס האט פערעפענטליכט אין ערב א נייע רעליגיע, האָט אין דער לעצטער אריינגעלייגט א שאַרף אויסגעדרוקטע נאציאָנאלע און פאָליטישע אידעע. פריהער פון אלעמען שטרעבט ער צוציהען צו זיין רעליגיע אלע אראבער, ניט נאָר פון דער האלב־אינזעל נאָר אויך יענע, וועלכע האָבען איז משך פון דער צייט אריינגעדרונגען אין אנדערע לענדער. צווישען אנדערע אויך אין מעסאָפּאָטאמיען (ארם־נהרים) און אין דער שכנ׳שער ארץ־ישראל. מיט געוועהר אין האנד פערשפרייט ער זיין נייע אמונה, און אויך אזא צואה לאָזט ער איבער זיינע יורשים. אבו בעקר, אָמאר און עותמן האָבען גלענצענד ערפילט זיין וואונש. ווי א מעכטיגע חוואַליע האָבען זיך די אראבישע שבטים א לאָז געטהון אויף ארץ־ישראל; ניט די פערסיאנער, ניט די רוימער האָבען געהאט ביכולת זיי ווידערשטעהן. די ארץ־ישראל׳שע יודען, די זיפצענדע אונטער׳ן שווערען יאָך פון די וויזאנטיער, בעגעגענען די אראבער, ווי זייערע בע־פרייער און צוזאָמען מיט די שמרונים פערגרינגערט מען זיי צו בעקעמפפען דאָס לאַנד.

אין יאָהר 638 טרעט אָמאר אריין אין ירושלים, אויפ׳ן אָרט פון געוועזענעם יודישען היכל מאכט ער א מעטשעט און שלאָגט דאָרט אין דעם סמל פון איסלאם—א האלבע לבנה, וואס קוקט נאָך ער היום אראב אויף אונז פון אָמאר׳ס מעטשעט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אָמאר און זיינע נאָהענטסטע יורשים האָבען ניט אומגעביטען די פריהערדיגע בעגרענצונגען, וועלכע זענען געשאפען געוואָרען דורך די קריסטען, ניט

קוקענדיג אויף דעם, וואס, ווי פריהער, איז פערבאטען געווארען צו בויען נייע שולען, און וואס די יודען מיט די קריסטען זענען בעלעגט געווען מיט בעזונדערע שווערע שטייערען, ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען, איז אלץ די ממשלה פון די אראבער געווען וועניגער צושטערענד פאר׳ן לאנד, איידער די ממשלה פון די וויזאנטיער. די יודען און די קריסטען האט מען איבערגעלאזט זייערע קלויסטער און שולען און אזוי אויך די רעליגיאנס־פרייהייט. נאר די פערוואלטונג איבער׳ן לאנד האט מען ארויסגענומען פון די קריסטליכע הענד, אין ארץ־ישראל, וועלכע איז נאר איינגאנצען איבערגעגאנגען צו די אראבער, איז די מלוכה׳שע מאכט געווען לגמרי א מאחמעדאנישע. די אראבער האבען פערפלייצט דאס גאנצע לאנד און געווארען בעלי בתים איבער אלעס. וואס געפינט זיך דארט. ארץ־ישראל איז געווארען א טייל פון מעכטיגען דמשק־כאליפאט, וועלכער האט בעפעסטיגט זיין ממשלה איבער פערסיע, עגיפטען צפון־אפריקא און פיעל אנדערע לענדער.

כדי אפצוקריגען די הייליגע ערטער ביי די קריסטען, האבען די אראבער איבערגעפיהרט היבשע פארפאלען פון לעבען פון מחמד קיין ירושלים. אזוי, צום ביישפיעל, האבען זיי מפרסם געווען, אז דאס הסתלקות פון מאחמעד׳ן איז פארגעקומען אויף דעם טעמפעל־פלאץ אין ירושלים. פאר די מאחמעדאנער איז אמאר׳ס מעטשעט געווארען דאס צווייטע הייליגטהום נאך מעקקא. אינ׳ם יום הדין, נאכ׳ן קץ, וועט אפילו קאאבא, דאס גרעסטע הייליגטהום פון די מאחמעדאנער, אריבערגעטראגען ווערען קיין ציון, מחמת דא וועט געשעהען דער משפט איבער דער מענשהייט די קברים פון אברהם אין חברון, פון דוד׳ן אין ירושלים און פון משה׳ן ביים ים־המלך זענען הייליג געווארען פאר די מוסולמאנער, זיי זענען אויך געווארען ערטער פאר זייער עולה־רגל זיין. נאר דער קבר און געבורט־ארט פון ישוע הנצרי איז פערבליבען אין די הענד פון די קריסטען.

און נאך אלעמען האבען קיין פאליטישען ווערט ניט געהאט ניט דאס לאנד און ניט ירושלים אין יענער צייט. אין דעם שכנ׳ישען מעסאפאטאמיען איז ערשיענען א מערכען־שטאדט בגדד. אין וועלכער עס האט זיך קאנצענטרירט דער גאנצער מסחר. איינגאנצען דער גלאנץ און דאס גאנצע לעבען פון כאליפאט.

דאס רעליגיעזע געפיהל פון די אייראפעאישע פעלקער האט זיך שפעטער איבער פערשיעדענע סבות און השפעות. אין XI יאהר הונדערט

יט נייער מאכט ערוועקט. דער קוק פון די איראפעאישע קריסטען האט אלץ אפטער און אפטער זיך אנגעהויבען ווענדען צו דעם הייליגען ארץ־ישראל און זיינע הייליגע ערטער. דאס עולה רגל זיין אין אט די הייליגע ערטער האט זיך אנגעהויבען אלץ פערמעהרען און אהין האבען אנגעהויבען שטרעבען ניט נאר איינצעלנע פערזאנען נאר גאנצע המונים צוזאמאל אויך געוואפענטע ווי מלחמה־עקספעדיציעס. די מוסולמענער האבען געלעגט מכשולים און געשטערט אט דעם עולה־רגל זיין; א העלפט פילגרימען האבען אפט דערביי דאס לעבען פערלוירען. די איבריגע אבער האבען זיך סוף כל סוף צונעשלאגען צום ציעל פון זייערע האפנונגען צום הייליגען קבר.

נאר אין כאליפאט גופא האבען זיך אנגעהויבען ארויסווייזען היבשע סכסוכים. די סעלדזשוקען—איינער פון די מורא'דיגע און מעכטיגע עגיפטישע שבטים זענען אויפגעשטאנען געגען דער ממשלת הכליפים און ווי א ווילדער שלאקסרעגען האבען זיי זיך אלאז געטהון אויף זייערע גיטער. איבערגענאנגען ווי א טוידט־פיהרענדער אוראגאן איבער ארץ־ישראל האבען זיי אריינגעדרונגען אין'ם הארצען פון באליפאט אין סאמע דמשק.

מיט א בעזונדערער רציחה האבען זיי אויסגעלאזט צו די קריסטליכע הייליגטהומען, בשעת'ן נעמען ירושלים (אין יאהר 1010) האבען זיי ביז'ן גרונד א תל געמאכט דעם קלויסטער פון דעם הייליגען קבר, גלייך מיט אנדערע קברים אין ארץ־ישראל. נאר נאך גרעסערע אומגליקען האט דאס פאלק איבערגעלעבט: אין יאהר 1071 האבען זיך אהין אריינגעריסען די טורקמענער, וועלכע האבען זיך גענומען פערענדיגען דעם חורבן פון לאנד.

דעם כריסטענטהום האט דעמאלט אנגעהויבען שרעקען א שטארקע סכנה פון מאחמעדאנישען מזרח. די איראפעאישע פעלקער האבען זיך בעאונרוהיגט. אין קאנסטאנטינאפאל, די הויפט־שטאדט פון דער קריסטליכער וויזאנטיע, האט זיך געלאזט הערען א רוף צו דער קריסטליכער וועלט וועגען מלחמה געגען איסלאם. דער לאזונג פון טאג איז געווארען: בעפרייען דאס הייליגע לאנד פון די הענד פון די אונגלויביגע מוסולמענער.

אט דער רוף האט איין אבקלאנג געפונען אין די הערצער פון די צאהל־רייכע ריטער, גראפען, פירשטען און סתם שטאדט־לייט און בויערען. די קאטוילישע גייסטליכע האבען זיך פלייסיג גענומען פונאנדער צובלאזען אט דאס פייער פון רעליגיעזען פאנאטיזמוס און דעם דורשט פון נקמה פאר דעם חלול הקדש. די דרשות פון די גייסטליכע האבען זייער השפעה געהאט: פון אומעטום האבען זיך אנגעהויבען צונויפקומען גאנצע מחנות

פריוויליגע מלחמה־לײַט, אין וועלכע ס האט געברענט דער פײַער־דיגער רצון: וואס גיכער זיך אַוועקלאָזען קיין ארץ־ישראל, כדי זיך די כחות פּריבען מיט׳ן פערהאסטען שונא. פערשידענארטיגע סבּות האבען עס צו דעם געבראַכט אז די מחנות, וואס האבען זיך בעצייהרט מיט דער צלם־פאָהן איידער זיי האבען זיך געלאזט אין צלם־וועג (מסע הצלב). דא איז געווען א תמימות׳דיגער רעליגיעזער ברען, די תאוה צו ריטער־שע נצחונות פון עזות׳דיגען רוים און אויך דער דורשט צו פרעמדען און צו אונבעשטראפטע רויבערייען. אין יאהר 1099 איז די צלם־מחנה, נאך דרײַעהריגע ליידען ענדליך צוגעקומען ביז ארץ־ישראל. אין אנפאנג האט עס זיי אבּיסעל געגליקט. זיי האבען אויסגעשפּיעלט בײַ די אראבער איין געשלעג נאכ׳ן צווייטען. מיט איינמאל האבען זיי ירושלים גענומען און דארטען זייער ווילדען ענש געמאכט. זיי האבען געשלאגען אלע מוסולמענער אהן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער, דערנאך האבען זיי זיך צו יודען גענומען. צונויפגעטריבען אלע ירושלים׳ער יודען אין איין שוהל אריין, האבען זיי די שוהל אונטערגעצינדען. די אומ־גליקליכע זענען אין פײַער אומגעקומען און זייער פערמעגען איז צוראבירט געווארען.

פערפעסטיגט זייער מאכט אין ירושלים און אין איהרע סביבות, האבען די נוסי־הצלב דא געגרינדעט זייער מלוכה, וועלכע זיי האבען אנגערופען מלכות־ירושלים. פאר א מלך האבען זיי אויסגעקליבען זייער הויפּט־אנפיהרער גאטפריד בולאנסקי. גיך איז אין זייערע הענד איבער־געגאנגען גאנץ ארץ־ישראל און די דערבײַאיגע ארמעניע, מצרים און מעסאפאטאמיען.

זיי האבען דא אנגעהויבען אויפסנײַ בויען מויערען און קלויסטער, בענײַען די חרוב׳ע, אויסקלײַבען פירשטען און וואסאלען איבער די שטעדט און פלעצער. די יודען האבען ווידער אנגעהויבען לײַדען אונמענשליכע דריקונגען און בזיונות.

אט די משונה׳דיגע מלוכה פון מאנאכען־קריעגסלײַט האט דאך ניט לאנג עקזיסטירט, אינגאנצען פיערציג יאהר. ביסלעכווייז האט די מלוכה אנגעהויבען פערליערען די ערוואָרבענע געגענדען, וועלכע עס האבען אבגענומען די מאחמעדאנער, וואס האבען זייער געוועהר נאך ניט אבגעלאזט.

דאס האט געדיענט אלס גורם פאר א צווייטען צוג, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א מפלה.

דעם מלחמה־פעהיגען מאַחמעדאַנישען קריעגס־מאַנן סאַלאַדינען, האט זיך איינגעגעבען נאך מעהר צו פערקלענערען די ממשלה פון די צלם־טרעגער אין ארץ־ישראל, כמעט זי אינגאַנצען אומשטירצען. ער האט ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע נחלאות, צווישען איבריגע אויך ירושלים, חאָטש ער האט זי איבערגעלאָזט אונטער דער אונמיטעלבארער הנהגה פון די קריסטען לויט אַ בעזונדער הקנה־כתב. ווען אָבער אַט דער כתב איז דורך זיי בעריהרט געוואָרען, אַזוי האט זיך סאַלאַדין, 1187, מיט זיין ארמעע אלאָז געטהון אויף ירושלים און אין דשים ארום האָבען זיך די טויערען פון ירושלים געעפענט פאַר די נייע זיגער.

מען האָט אַ סוף געמאַכט מיט דער שליטה פון די קריסטען. אַלע צערקוועס און מאָנאַסטירען אין לאַנד האט מען חרוב געמאַכט, אָדער זיי פערוואַנדעלט אין מוסולמאַנער מעטשעטען. אַמאָרס מעטשעט, וואָס איז דורך די צלם־טרעגער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קריסט־ליכע צערקווע, איז ווידער אַ מוסולמאַנישעם הייליגטהום געוואָרען.

דער דריטער מסע־הצלב, וואָס מען האט צוגענרייט אין איראָפּע האָט זעהר ווייניג געענדערט דעם מצב הענינים. די צלם־טרעגער איז אויסגעקומען זיך בעגוגענען נאָר מיט'ן ארץ־ישראל'ישען ברעג פון טיגער (חדקל) ביז יפו, און אנערקענען בנוגע צו די קריסטליכע עולי־רגל דאָס רעכט צו בעזוכען דעם הייליגען קבר אין ירושלים.

נאָר אָט רייסען זיך אריין אין ארץ־ישראל די ווילדע אָרדעס פון די מיטעל־אַזיאַטישע מאָנגאָלען, וועלכע טוידטען און צושטערען אַלעס איף זייער וועג. די מאַחמעדאַנער בעשיצען זיך געגען די ווילדע געסט מיט ניט קלענערער בעזקייט. ירושלים געהט איבער פון האַנד צו האַנד און דאָס גאַנצע לאַנד ווערט פערצויגען מיט אַ בלוטיגען נעבעל פון מלחמה, רויבערייַ און אומקומעניש.

די מאַמעלוקען נעמען איבער דאָס פלאַץ פון די מאָנגאָלען און צונעמענדיג ביי די לעצטע די בעזיעגטע געגענדען, שטופען זיי לגמרי ארויס די צלם־טרעגער פון לאַנד און דערביי נעמען זיי אָב דורך שטורם זייער לעצטען חזוק, די ים־שטאָדט עכו.

דערנאָך זענען אָנגעקומען די טערקען־עותמאַנער און אין יאָהר 1516 האָבען זיי בעהערשט ארץ־ישראל און ירושלים.

די יורישע בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל, אַ דאַנק די פאַרטלען און החבולות פון די נושאי־הצלב, וועלכע זענען געווען דורכגענומען מיט

איין אומבּרחמנות׳דיגער שנאה צו יודען, און מחמת די אונאויפהערליכע מלחמות וואס האָבען פּערוויסטעט דאָס לאַנד און אומגליקליך געמאכט די פּריעדליכע בּעפּעלקערונג, איז געשטאַנען אויף אַ זעהר נידעריגע מדרגה הן אין כמותדיגער הן אין איכות׳דיגער הינזיכט. די יודישע קהלות זענען געווען זעהר ווענינ און געפאַלען. בנימין מטולידא, דער בּעוואוסטער יודישער ארומרייזענדער, וועלכער האָט בּעזוכט ארץ־ישראל איז יאָהר 1170, דערצעהלט דאָס אין ירושלים האָבען זיך געפונען אין יענער צייט 200 יודען, וואָס האָבען געוואוינט אין אַ ווינקעל פון שטאָדט, אונטער׳ן מגדל דוד און האָבען זיך פּערנומען מיט פאַרבּעריי. אין יפו האָט געוואוינט איינציגער איין יוד—אַ פאַרבּער. בּכלל איז דעמאָלט איבּער גאַנץ ארץ־ישראל געווען ניט מעהר פון טויזענד יודישע משפחות. ווען דער רמב״ן האָט זיך, אין יאָהר 1267, בּעזעצט אין ירושלים האָט ער זיינע יודישע בּרידער געפונען אין זעהר אַ געמיינער לאַגע. ער האָט זיך גענומען ארגאַניזירען די ירושלים׳ער קהלה. געגרינדעט אַ ישיבה, און מיט זיינע בּריעף און חבורים האָט ער מיטגעווירקט דעם צופלוס פון נייע עמיגראַנטען.

ווען די ממשלה פון די צלם־טרעגער איז געפאַלען, זענען אַראָבּ אַלע בּעגרענצונגען בּנוגע צו יודען, און די לעצטע האָבען בּעקומען פאָלקאָמע רעכט זיך בּעזעצען איבּער גאַנץ ארץ־ישראל. די יודישע געמיינדען האָבען געהאַט זייער אויטאָנאָמיע און די ראשים פון דער הנהגה איבּער די יודישע ענינים זענען געווען יודען. די כאַליפען און סולטאַנען האָבען זיך על פּי רוב פערהאַלטען צו זיי פריינדליך. די צאָהל פון יודישע געמיינדעס האָט בּיסלעכווייז אָנגעהויבּען וואַקסען. בּעזונדערס היבשע קהלות זענען געווארען אין צפת, יעכו חברון און אין אַנדערע שטעדט. דאָס איבּערפאָהרען קיין ארץ־ישראל האָט זיך בּהדרגה פּער־שטאַרקט, ס׳זענען ערשינען פּיעלע ערד־אַרבּייטער, און די רבנים האָבען שוין געהאַט אַיועקגעשטעלט די שאלה וועגען „שמיטה״. אין ירושלים זענען ערשינען יודישע בּעלי־מלאכות, מאַטעמאַטיקער, אסטראָנאָמען און דאָקטוירים. די יודען פון דער גרויסער קהלה פון חברון האָבען זיך בּע־שעפטיגט מיט וועבּ־האַנדווערקעריי, פאַרבּעריי און אויסאַרבּייטען גלאָזוואַרג. אין דרום ארץ־ישראל האָבען די יודען, ווי זייערע עלטערען, ארומגע־וואַנדערט מיט זייערע סטאַדעס. אין רמלה האָט זיך די יודישע בּעפעלקערונג פּערנומען מיט האַנדווערקעריי, און עס זענען שוין אפילו אויפגעשטעלט געוואָרען פאַבּריקען פון וועבּעריי.

דאך האט ירושלים אויפגעלעבט זעהר פאמעליך. אלס צענטער פון לאנד האט זי אפטער פון אלע אנדערע שטעדט געליטען פון די אלע קלעפ, וואס זענען געפאלען אויף ארץ־ישראל פאר די לעצטע צעהנדליגע יאהרען—און דער חורבן פון לאנד האט זיך טיעפער און ענגער געפיהלט אין דער געוועזענער פראכטפאללער הויפטשטאדט.

ווען אין ענדע פון XV־טען יאהרהונדערט איז קיין ירושלים אנגעקומען פון איטאליע דער בעוואוסטער רב עובדיה ברטנורא, האט ער אין איהר געפונען נאר איינינע צעהנדליג יודישע משפחות. בהדרגה האט זיך די יודישע בעפעלקערונג, ווי אין ירושלים אזוי אויך אין אנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל אנגעהויבען פערגרעסערען, א דאנק דעם צופלוס פון נייע יודישע עמיגראנטען פון שפאניע און פארטוגאל. נאך דעם ווען מ׳האט זיי פון דארטען פערטריבען. דאך האט בכלל די יודישע בעפעלקערונג זייער געבידעוועט און איז געשטאנען אויף א זעהר נידעריגער שטופע פון ענטוויקלונג. ווען די צאהל יודען האט אנגעהויבען וואקסען האט ר׳ עובדיה ברטנורא ווי אויך ר׳ יעקב בירב אויסגענוצט פיעל ענערגיע און שכל אום די יודען פון ארץ־ישראל אויפצוהויבען אין מאטעריעלען און אין גייסטיגען זינען און בעשאפען א צענטראל־ארגאניזאציע. בירב האט זיך אפילו ארומגעטראגען מיט א רעיון ווענען בענייען דעם אלטען סנהדרין און אומקעהרען ירושלים און ארץ־ישראל אט יענעם מעכטיגען אויטאריטעט, וועלכען זיי האבען אמאל פערמאגט.

אט די ענערגישע מהוער האבען ווירקליך פיעל מיטגעהאלפען דעם ארגאניזירען פון די ארץ־ישראל׳ער יודען און דעם אויפלעבען פון די יודישע קהלות, נאר זייער מיה האט דאך ניט געבראכט צו קיין היבשע רעזולטאטען. די יודישע בעפעלקערונג איז צונויפגעשטעלט געווא־ען פון מענשען, וואס שטאמען פון פערשידענע לענדער, וועלכע האבען זיך אונטערגעשיידט מיט זייערע מנהגים, נטיות און גייסטיגער ענטוויקלונג. אט דאס האט געדיענט אלס סבה פון שטענדיגע מחלוקת׳ן און סכסוכים, וואס האבען עוקר מן השורש געווען יעדע ענטוויקלונג.

אויסערדעם, א היבשען טייל עמיגראנטען האט ארץ־ישראל צוגעצויגען אלס א הייליג לאנד, וואס איז זיי טייער מחמת איהרע זכרונות און חורבות. זייער קוק איז געווענדעט געוועזען צוריק, צו די אבות און אלטע קברים, דערביי אבער האבען זיי געדענקט די ליידען פון זייערע עלטערען, פערגעסענדיג זייערע גבורה׳שען גייסט. געלעבט אויפ׳ן חשבון פון די מיטלען, וואס זייערע איראפישע פאלקס־ברודער

האָבן זיי צוגעשיקט (חלוקה)„ האָבן זיי מער געהאָפט אויף נסים און תפילות, איידער אויף די ענערגיע און זעלבסטשטענדיקייט. אמת טאַקי, די חלוקה האָט מיטגעהאָלפען דעם ערשיינען פון פיעל זעהר נוציגע אַנשטאַלטען און אינסטיטוטען. זי האָט אָבער צוגע-וועהנט דעם יודישען המון צו א געוויסער פאַסיוויטעט. אזא אונ-פראָדוקטיווער עלעמענט האָט, פערשטעהט זיך, ניט געקאָנט מיט-ווירקען דער אויפלעבונג פון ארץ-ישראל און איז געווען מעהר מסוגל אויף צו שאַפען אזא אַטמאָספערע אין לאַנד, אַ דאַנק וועל-כער ארץ-ישראל איז אויף אַ לאַנגער צייט געוואָרען דער צענטער פון מיסטישע לעהרעס און דער מקור פון דער פאַלש-משיח'דיגער התפעלות.

אין דער צווייטער העלפט פון XVI-טען יאָהרהונדערט זענען די אומשטענדען בעזונדערס מוכשר געווען צו פערגרעסערען די יודישע בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל. די הומאַנישע בעציהונגען פון דער טערקישער רעגירונג, די אגיטאַציע פון פערשידענע בעלי-חלומות און פאַלשע משיחים ווי דוד ראובני און שלמה מולכו — דאָס אַלעס האָט אַרויסגערופען ביי יודען אַ שטרעבען צום ארץ-האבות, וואו די טויערען זענען אין יענער צייט פאַר זיי ברייט און אָפען געווען. דער בעוואוסטער פאָרטוגאַלישער עמיגראַנט, דער גוטמיטהיגער דאָן יוסף, וועלכער האָט נושא חן געווען ביים סול-טאַן און געהאַט אַ היבשע השפעה, האָט אפילו אַ וואונש פערמאָגט צו שאַפען אין ארץ-ישראל אַ זעלבסטשטענדיגען יודישען צענטר. אָט די תקוה האָט ענטשפּראָכען דער דעמאָלדיגער שטימונג פון די יודישע מחות און האָט ערוועקט אין דעם אויסגעמאַטערטען פאָלק ליכטיגע האָפנונגען. אָט דעם יוסף'ן, וועלכער האָט בעזעסען דעם טיטול הערצאָג פון נאַקסאָס, האָט דער סולטאַן סולימאַן II אוועק-געגעבען אַ אייגענטהום אַ גרויסען שטח ערד אין גליל, אויף וועלכען ס'איז געלעגען טבריה מיט זיבען ישובים. לויט'ן סול-טאַנס בעפעהל האָבען דאָ געהאַט דאָס רעכט זיך צו בעזעצען נאָר יודען.

אין משך פון אַ יאָהר צייט איז טבריה בעבויעט און בעזע״ט געוואָרען מיט בוימער און איז געבראַכט געווען אין אַ בליהענדע לאַגע. חוץ-דעם האָט מען דאָ געלעגט דעם יסוד צום אויפלעבען פון פריהערדיגען מסחר און וואָל-אויסאַרבייטונג. טבריה איז געוואָ-

רעָן אַ היבשער צענטער, אויף וועלכען ס׳האָבען דורשטיג געקוקט די אויגען פון ליידענדען פאָלק. ס׳האָט אייסגעזעהן, אַז ווייטע האָפנונגען ווערען אַ לעבעדיגער פאַקט און די חלומות האָבען געשיינט אלס אַן אמת צו ווערען.

נאָר אין דער מלוכה פון די עותומאַנער נופא האָט אלץ מעהר געוואַקסען דער פירוד און אַנאַרחיע. די דורשטיגע יאַניטשאַרען (סאָלדאַטען) און די קלענערע מלוכה־בעאַמטע, וועלכע האָבען קיין גבול ניט געוואוסט פאר זייער רשעות און אהבת־בצע, די דעזאָרגאַניזאַציע און די איבעראַלע אונוויסענהייט, וואָס האָבען געהערשט אומעטום, — אַט דאָס אַלעס האָט ניט געקאָנט מיטייערקען צו דער פערפעסטיגונג פון יודישען עלעמענט אינ׳ם לאַנד, ניט קוקענדיג אפילו אויף דעם, וואָס די צענטראַלע ממשלה און אויך דער סולטאַן האָבען זיך ווי פריהער פריינדליך בעצויגען צו יודען.

אַזאַ בייזער אמת האָט צעשטאָרען אַלע בעסטע האָפנונגען פון פאָלק, אָבגעריסען און פערטרעטען אין שמוץ די שעהנע בלומען און די עדעלסטע יודישע תקות וועגען אַ זעלבסטשטענדיגען יודישען צענטער אין זייער אייגענעם ארץ־ישראל.

---

דאָס לאַנד, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין דער ממשלה פון די טערקען־עותומאַנער, האָט טראָץ דאָס האָט פערלוירען די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, האָט דאָך אונבעגרייפליך אָבגעהיט דאָס אינגערליכע בירגערליכע לעבען, דעם גאַנצען גייסטיגען רכוש און זיין בעזונדער אויסזעהן, וואָס עס האָט פערמאָגט אַם ענדע פון VII־טען יאָהרהונדערט, די שפּראַך, קולטור, מדות און מנהגים, וועלכע די אַראַבער האָבען מיט זיך געבראַכט זענען שטאַרק אָבגעהיט געוועזען און האָבען פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ אין לאַנד, טראָץ די אַלע שפּעטערדיגע אָנפאַלען און נצחונות. די אַראַבער ווידער האָבען מיט זיך געבראַכט אַט יענעם פעאָדאַלען סדר, וועלכער געפונט זיך נאָך עד היום אין אייניגע ערטער פון ארץ־ישראל. די ראשים פון די שבטים, וועלכע זענען געקומען פון אַראַביען אונטער די פאָהנען פון אבו בעקר און אָמאַר, האָבען דאָ געגרינדעט בעזונדערע קליינע מלוכות, געצאָהלט מס די כאַליפען, נאָר האָבען אָבער געהאַט דאָס

רעכט פון ברייטע אינערליכע זעלבסטפערוואלטונג. לויט דעם מנהג פונ'ם ארט האבען זיי זיך אונטערגעגעבען בלויז דעם גייסטיגען גע־זעץ פון כאליפאט. די אראבישע ראשי העדה און פירשטען ווי מען רופט זיי: שייכען און עמירען, האבען ווי פריהער אבגעהיט זייער ממשלה איבער די פאלקס ברידער.

נאך דעם ווען די טערקען האבען איינגענומען ארץ־ישראל, און מיט'ן לאנד האבען אנגעהויבען רעגירען די פאשא'ען, זענען נאר ווייניגע שטעדט פערבליבען אונטער דער אונמיטעלבארער הנהגה פון די טערקען, גאנצע אקרוגען, בעזונדערס די בערגיגע, זענען פער־בליבען אונטער דער ממשלה פון זייערע בירושה'דיגע שייכען און עמירען. אט די אראבישע מושלים האבען ווי פריהער צווישען זיך געמאכט פערבאנדען, ארויסגעטרעטען אין מלחמה־וועג מיט זייער חיל געפיהרט איינס מיט'ן צווייטען בלוטיגע מלחמות און צייטענווייז געבונטעוועט נעגען דער טערקישער רעגירונג. אט די סכסוכים זענען געווען ווי געוואונשען פאר די טערקען, וועלכע האבען אפט מאל קינסטליך צובלאזען דעם פלאם פון מחלוקת; אט די בלו־טיגע קריגערייען, וואס האט אבגעשוואכט די אראבישע נאציאן האט די טערקען געשיינט אלס הייפט־מיטעל אים צו פערשטארקען זייער מאכט און השפעה.

אין אמת'ן, אט דאס צעברעקעלטקייט פון די אראבישע שבטים וואס האט אבגעשוואכט די ווירקונג פון אראבישען עלעמענט אין לאנד — האט אלץ מעהר איבערגעגעבען דאס לאנד אויף דער אונפעראנטווארטליכער מאכט פון די טערקען, די רעגירונגס שטה איז געווען גאר איין איינפאכע: טערקיי האט איינגעטיילט דאס לאנד אין אקרונען. יעדען אקרוג האט זי איבערגעגעבען א בעזונדער פא־שא, וועלכער איז ערשיינען אלס פאלמעבטיגער בעל־הבית פון זיין געגענד, די פאליטיק פון די פאשא'ען איז בעשטאנען אין דעם, מען זאל מאבען מחלוקת צווישען די אראבישע שייכען, אנרייצען זיי איינס אויפ'ן אנדערע, כדי דערנאך העלפען ווערען פון זיי, עס פערשטעהט זיך, פאר איין אנשטענדיגע בעלוינונג. ניט זעל־טען פלעג טרעפען, אז נאך א וואסער ס'איז בלוטיגען קריעג צווישען די אראבישע שייכען, האבען די טערקישע פאשא'ען אויסגעפונען א שעת־הכשר זיך איינצוואייגנען זייערע ירושה־נחלאות.

מיט וועלכע דרכים איז די טערקישע רעגירונג געגאנגען צום פערשטארקען איהר אויטאריטעט און איהר מאכט אין ארץ־ישראל.

דאס פינאנץ־סיסטעם ווידער האט פאלקאם ענטשפראכען אט דעם פאליטישען סדר. די איינציגע דאגה פון דער מלוכה איז געווען ציהען מעגליך וואס מעהר הכנסה פון לאנד. דער פאשא האט גענומען אויף זיך די איינציגע התחיבות: איינבריינגען דער פארטא א געוויסען סכום מס, מיט וועלכען ס׳איז בערעגט געווען דער אקרוג, וואס מען האט איבערגעגעבען אין זיין רשות. קיינע אינסטרוקציעס האבען פאר איהם ניט עקזיסטירט, און בשכר פון זיין התחיבות האט דער פאשא בעקומען פאלקאם און אהן א שום קאנטראל אלע הכנסות פון זיין אקרוג. דער קאפריז, דאס טהוען נאכ׳ן איינגענעם רצון און די מדרגה פון דורשט פון די פאשא׳ען, וועלכע זענען ניט בעגרעניצט געווען דורך קיינע געזעצען — דאס האט פערביטען אלע שטארק־פערוויקעלטע דינים וועגען מס און שטייער־זאמלונגען.

די שטה איז גאר איינפאך געווען.

די טערטישע מלוכה, וואס איז תמיד נויטבעדערפטיג געווען, האט ניט אויפגעהערט אויפמאהנען פון פאשא די געוויסע סומע פון דעם אקרוג, וועלכער האט זיך געפונען אין זיין רשות; דער פאשא ווידער האט געדריקט די ארטיגע מנהגים, דאס הייסט: די זעלבע סאטראפען נאר פון קלענערען פארמאט—און די ארטיגע מנהגים מצדם האבען אין אזא מאס אויסגענאגט די בעפעלקערונג.

די ארץ־ישראל׳ישע פעלקער האבען זיך ממש אבגעגעבען אין ארענדע צו די פאשא׳ען, עמירען און שייכען.

די אנקלאגען זענען אוננוצליך און זעהר געפעהרליך געווען, מחמת דאס לעבען פון די שטייער־צאהלענדע איז פארשטענדיג געווען אין רשות און ווילקיר פון דער ארטיגער ממשלה, דאס איינציגע פראטעסט־מיטעל איז בעשטאנען אין געוועהר און אין בונט צו וועלכע די ארטיגע אראבישע בעפעלקערונג איז גענויטיגט געווען זיך צו ווענדען.

צווישען די אראבישע שבטים האבען זיך אויסגעצייכענט די בערג־לייט (גארצעס) פון לבנון געגענד מיט זייער עקשנות. זייערע מרידות האבען זיך געצויגען אהן אויפהער און האבען געבראכט דערצו, דאס זייערע אקרוגען האבען על פי רוב געהאט די פאל־

שטענדיגע אונאבהענגיגקייט פון טערקישען סולטאן, און די ליוואנישע עמירען זענען געווען אונבעגרעניצטע קיסרים׳לעך.

ענדע פון XVII-טען און אנהייב פון XVIII-טען יאהרהונדערט האט אויסגעוויזען אז דאס אראבישע פאלק וועט זיך איצט געוויס אבנעהמען זיין אויבערהאנד, זיין שררה׳דיגע לאגע אין לאנד, צוויי אראבישע העלדען פאכר עדרין און דאגערן האט זיך איינגענעבען אויף א צייט אבשטעלען די בלוטיגע מחלוקת׳ן צווישען די אראבישע שבטים און זיי פעראייניגען אויף איין אלגעמיינען וואונש. אראב-ווארפען דעם פערהאסטען טערקישען יאך. מאכענדיג א פערבאנד מיט פיעלע אראבישע שבטים, האט דאגער אבגעהאלטען א גאנצע רייה נצחונות איבער די טערקען, זיך בעפעסטיגט אין דער ימים׳דיגער עכו און זי געמאכט פאר זיין רעזידענץ. דער שטראהל פון האפנונג האט א בליץ געטהון די אראבער. זיי זענען שטארק אויסגעמאטערט געווען פון די שווערע מסים, אקערבוי איז געווען געפאלען, די גזרנים-בעדואינער האבען ממלא געווען דאס רויבעריי איבער׳ן פאלק. ווערענדיג דער מושל עכו, נצרת, טבריה, צפת און אויך פון גאנץ גליל, האט דאגער פיעל מיטגעהאלפען אופצוהויבען די ערד-ארבייט. די רציחות און אנפאלען האבען אויפגעהערט, דאס לאנד האט אנגעהויבען אויפבליהען.

דאגערס מיה האט אבער צו גארניט נעבראכט; זיין שמחה איז זעהר קורץ געווען. ווי איין אומבערעכנענדער שטורמווינד האט אנגעטראגען די סולטאנישע חילות מיט דעם בלוטדורשטיגען דושעז-זאר׳ן בראש—און אין שטראמען בלוט איז דערטרונקען געווארען די מרידה פון די אראבער.

די טערקישע השפעה, וואס האט זיך סומך געווען אויף די קרומע יאטאהאנען פון טאפפערע און עהרגייציגע דורכגעהער האט ווי מיט אייזערנע צוואנגען ארומגעכאפט דאס לאנד.

ווען אין ארץ-ישראל איז אנגעקומען נאפאלעאן באנאפארט איז די דארטיגע אויסגעמאטערטע בעפעלקערונג קארטבלוטיג גע-ווען צו די רופען פון דעם טערקישען סולטאן אום זיך וואפע-נען און בעשיצען דאס אלטינקע וויגעלע פון איסלאם געגען די „גיאורען״.

גרינג בעקומען עזה, האבען זיך די פראנצויזען א לאז געטהון קמין יפו, זי גיעך איינגענומען דורך שטורם, דערנאך איז דאס

פֿראַנצויזיש חיל זיעגענד דורכגעגאַנגען אין דער לענג פֿון ברעג ים ביז עכו. ירושלים האָט נאַפּאָלעאָן ניט גענומען, מחמת ער האָט געזוכט אין ארץ־ישראל בלויז פּאָזיציעס פֿאַר מלחמה־אָפּעראַציעס געגען ענגלאַנד, און ירושלים איז פֿאַר איהם אין דער הינזיכט נאָר ניט בעקוועם געווען. ניט איבעריג וועט איך זיין צו דערמאָהנען, דאָס צו די ירושלים׳ער יודען האָט זיך נאַפּאָלעאָן געווענדעט מיט איין אויפֿרוף. אין וועלכען ער האָט זיי איינגעלאַדען מאַכען איין אויפֿשטאַנד פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון זייער פֿאָטערלאַנד — אין האָט זיי צוגעזאָגט א יורישע מלוכה.

די גבורה פֿון פֿראַנצויזישען חיל, וואָס האָט אָבגעהאַלטען אין ארץ־ישראל א גאַנצע רייה נצח׳נות איבער די טערקען, איז צוקלאַפּט געוואָרען ווען זיי זענען געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער פֿעסטער קראַפֿט פֿון עכו, ווייל די ענגלענדער האָבען זיך געאײַלט אויף הילף צו די טערקען. ס׳האָט א סוף געמאַכט מיט די ווייטערדיגע נצחינות פֿון באָנאַפּאַרט און די פֿראַנצויזען האָבען אָבגעראָוט ארץ־ישראל.

בעפֿרייעט מיט דער הילף פֿון ענגלאַנד פֿון דער פֿראַנצויזישער סכנה, האָבען די טערקען ווי פֿריהער, אויף זייער שטייגער, ווייטער געטריבען דאָס בעל־הבית׳קעווען אין לאַנד. אונאויפֿהערליך און סיסטעמאַטיש איז דאָס לאַנד חרוב געוואָרען, ווייל ווי פֿריהער איז די ממשלה און די פּאַשאַ׳ען נאָר אויסען געוועזען ווי מעגליך אויסצוזאַגען די בעפֿעלקערונג. יעדער טייל (צווייג) פֿון דער הנהגה און מסחר האָט זיך אָבגעגעבען אין אָרענדע. פֿון בעאַמטען האָט זיך נאָך נעפֿאָדערט אריינטראָגען אין דער אָבגעשטעלטער צייט א געוויסען סכום וועלכען דער לעצטער האָט נעמענט אויפֿמאָהנען פֿון די איינוואוינער דורך אַזעלכע מיטלען און מיט אַזעלכע דרכים, וואָס ער בעגעהרט. ס׳איז איינגעפֿיהרט געוואָרען א מאָנאָפּאָליע אויף פֿיעלע פּראָדוקטען, וועלכע מ׳האָט אויך איבערגעגעבען אין אָבקויף (אָרענדע). אפילו די שטאָדטישע דומעס זענען אויך איבערגעגעבען געוואָרען אָבקויפֿער, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט דאָרט בעשטעלען מיטגלידער און סעקרעטאַרען לויט זייער איינענעם געדאַנק אין פֿאַר א וואָסער פּרייז זיי האָבען געוואָלט. אָט די אָבקויפֿער און אָרענדאַטאָרען האָבען זיך געספּאָרעט וואָס ברייטער אויסנוצען זייער כח הרשאה און האָבען אויפֿגעמאָהנט די חובות אויף איין אונ־

מענשליכען אופן. אט מען זיי ווען ס'איז ניט אבגעצאהלט אט די חובות, פלעגען זיי אויף זייער דעה אויסקלויבען שטאדטישע איינוואוינער און סוחרים, אדער זייערע קינדער, און זיי אנטהון יסורים אזוי לאנג, ביז מען האט די געפאדערטע סומע אבגעצאהלט.

די צפון־דיגע לבנון'שע אקרוגען האבען חוץ דעם נאך געריטען פון רעליגיעזע מחלוקת'ן וואס האבען צון יענער צייט ארומגעחאפט די לבנון־נעגענד. דארטען האבען זיך אביסעל בעפעסטיגט צו יענער צייט די קריסטליכע עלעמענטען, וועלכע האבען זיך קיינמאל ניט אבגעראזט פון ארץ־יש־אל לחלוטין. דעם אלעמען האט מיטגעהאלפען דאס, וואס די לעוואנטישע עמירען, וועלכע האבען אייביג איינער דעם אנדערען פערהאסט און אייביג געקעמפפט צווישען זיך — האבען אפט געזוכט שטיצונג און א מקלט אין די אייראפעאישע לענדער. דער הויפישער גלאנץ פון די אייראפעאישע מלכים האט געטוט פערדרעהען די קעפ פון די האלבווילדע גארצעס (בערגוואוינער), דעסטגלייכען האט די איינגעשפארטע אגיטאציע פון די קאטוילישע גייסטליכע געמוזט משפיע זיין אויף די קינדער פון יענעם פאלק, צווישען וועלכע עס האבען קיינמאל ניט אויפגעהערט די סעקטישע טענדענצען און רעליגיעזע בעוועגונגען.

דאס וואס אייניגע ליוואנישע עמירען האבען אנגענומען די קריסטליכע אמונה האט געהאט וויכטיגע פאלגען פאר ארץ־ישראל אויף וויפיעל ס'איז גרעסער געווארען די צאהל פון אט די גרים איף אזוי פיעל האט זיך אויך פערברייטערט דער טעטיגקייטס־קרייז פון די קאטוילישע גייסטליכע. אט דאס אלעס האט צוגעצויגען די אינרוהיגע אויפמערקזאמקייט פון פערשידענע אייראפעאישע לענדער. זייער מיטגעפיהל, אינטערעסען און די שטרעבונג דארט פאמעליך צו בעפעסטיגען די שליטה פון דער קריסטליכער צערקווע. שפעטער האט זיך אט אויף דעם יסוד צווישען די פארשטעהער פון פערשידענע קריסטליכע אמינית פונאנדערגעברענט איין עקשנות'דיגער קאמפף וואס האט ניט איינמאל פערגאסען מיט פייער און בלוט די צפון־טיילען פון ארץ־ישראל. דעם אנגעפאנגען לאנד איז בעשערט געווען נאך א צרה איבערצולעבען. איבער די טערקישע נח־אות וואס ביים נילוס איז ווי א מיראדינער מעטעאר אויפגעגאנגען דער שטערען פון נייעם מנצח מחמד עלי. אט דער טערקישער וואסאל האט פערטראכט זיך אבטיילען פון טערקיי, אבנעמען ביי דער לעצטער

סיריע און פאלעסטינע, עס פעראייניגען מיט עגיפטען, און זיך פערפעסטיגען אלס אונאבהענגיגער מושל פון א דער גרויסער טער־ריטאריע. דאס עגיפטישע חיל האט אריינגעטרעטען אין ארץ־ישראל אין איין צייט סיי פון דער יבשה סיי פון ים. די בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל, וואס האט געשמאכטעט אונטער דעם יאך און ווילקיר פון די טערקישע פאשא׳ען, האט אויפגענומען די עגיפטער ווי זייערע בעפרייער. עזה און יפו האבען געדרן געעפענט די טויערען דעם מלחמה־פעהיגען איברהים׳ן, מחמד עלי׳ס זוהן. אין גיכען האבען די עגיפטער איינגענומען די גאנצע געגענד פון בערג פון חיפה אין האבען בעלאגערט די שטארקע פעסטונג עכו. נאך א לאנגדויערענ־דער ווידערשטאנד האט מען איך גענומען עכו און זי איבערגעגעבען די סאלדאטען צו ראבירען.

דאס פאלק פון אט דער מפורסם׳דיגער פעסטונג האט מיטגעהאלפען דער פערשטארקונג פון דער ממשלה פון די עגיפטער. אלע נסיונות פון טערקישען סולטאן צוריקצונעמען ביי מחמד עלי ארץ־ישראל זענען צושלאגען געווארען אין דער גבורה פון איברהים׳ן און אין דער פעסטקייט פון זיינע סאלדאטען. דאך האבען די פארטשריטען פון עגיפטישען געוועהר און די היבשע נצחונות אנגעהויבען שרעקען דעם פאליטישען גלייכגעוויכט פון איראפע. די אייראפעאישע מלוכות האבען געפונען פאר נויטיג זיך אריינצומישען אין שטרייט פון טערקיי מיט עגיפטען. זייערע בעשטענדיגע אזהרות האבען געמאכט א סוף מיט די מלחמה־האפנונגען פון מחמד עלי.

די קורצע געוועלטיגונג פון די עגיפטער האט געלאזט זעהר קענ־טיגע שפורען. זיי האבען אויעקגעלעגט פיעל כח אום פטור צו ווערען פון יענער שלעכטיגקייט און אונארדנונג, דורך וועלכע עס איז געגאנגען צו גרונד דאס לאנד. דאס רעגולירען פון נאלאגען און מסים, די געוואפענטע שמירה פון די האנדעלס־קאראוואנען, דאס פערבעסערען די וועגען און ענדליך, די גרינדונג פון פאסט-דאס אלעס האט אין א היבשער מאס מיטגעווירקט אום אויפהויבען דעם האנדעל און ערד ארבייט און אין א קורצער צייט קענטיג צו פערבעסערען די לאגע פון די איינוואוינער אין די דערפער האט ווידער אנגעהויבען בליהען די ערד־ארבייט און איבער די וועגען אין לאנד זענען געגאנגען קאראוואנען פון בגדד קיין דמשק און פערקעהרט, מיט אינדיאנישע און פערסישע סחורות און משאות פון ענגלישע מאנופאקטורען.

נאר אט האט מען די עגיפטער פון לאנד ארויסגעטריבען, אויסגעריסען די ממשלה פון זייערע הענד און זי ווידער אומגעקעהרט די טערקען. און ווידער אמאל רויכט זיך אן דאס רשעית פון די פאשא'ען, אונערטרעגליכע נאלאגען, דער חורבן פון די ערד ארבייטער, רויבערייען און בלוט פערגיסונגען.

צו די אלע אומגליקען פון געגענד, הערען ניט אויף אין לאנד גופא די בלוטיגע סכסוכים, פון וועלכע עס ליידען סיי אראבער, סיי קריסטען און סיי טערקען.

די יודען ווידער איז צו דעם אלעמען אויסגעקומען צו ליידען פון די בלבולים פון די קאטוילישע גייסטליכע, וועלכע האבען זיך פערפעסטיגט אין ארץ־ישראל און אהער איבערגעפיהרט דעם זעלבען פאנאטיזם און די זעלבע קאמפפס־מנהגים מיט יודען, וועלכע האבען זיך בנוגע צו די יודען אין מיטעל אלטער.

עס איז אויפסגיי ווידער ארויפגעשוואומען די שטארק בעליעבטע ביי די קאטוילישע גלנים בעשולדיגונג פון יודען אין רעליגיעזע רציחות.

פאר איינער אזעלכע אונזיננינע בעשולדיגונג, וואס איז ערשינען אין יאהר 1840 אין דמשק, האבען די יודען געמוזט אומברחמנות'דיג בעצאהלען. פילע פון זיי זענען אומגעקומען בשעת דעם אנפאל פון המון, אנדערע ווידער זענען אין טורמע אריינגעווארפען געווארען.

אט די אומגליקען פון ארץ־ישראל'שע יודען צוזאמען מיט אנדערע אומשטענדען האבען אויפגעוועקט צום לאנד די אויפמערקזאמקייט פון פילע גרויסע לייט פון איירפא און אמעריקע, קריסטען און יודען וועלכע האבען ארויסגעטרעטען מיט פערשידענע פראיעקטען אום דאס לאנד צו בעלעבען און מאכען אין דעם לאנד א מקלט פאר'ן ליידענדען פאלק. פילע בעריהמטע פילאנטראפען, געזעלשאפטליכע און פאליטישע עסקנים ווי אלבערט קאהען, משה מונטיפיורי, אדאלף כרמיה, סער אליפאנט; שפעטער ראטשילד און אנדערע, האבען שוין אפילו געהאט געמאכט ממשות'דיגע טריט צוליעב אט דעם צוועק: זיי האבען געקויפט שטיקער ערד, געבויעט קאלאניעס, געהאלפען יודען ערד־ארבייטער, געגרינדעט חברות א. ד. ג. די גרעסטע יודישע ארגאניזאציע „אליאנס איזראעליט" איהר ענערגישען פארשטעהער קארל נעטטער, וועלכער האט נעבען יפו אויפגעשטעלט די ערשטע דארף־ווירשאפטליכע שול־פערמע (מקוה־ישראל) וועלכע האט אבגעשפיעלט א היבשע ראליע בנוגע צו דער ענטוויקלונג פון יודישער ערד־ארבייט אין לאנד.

צוגלײַך מיט'ן פילאַנטראָפּישען רעיון צו גרינדען בעזונדערע קאָלאָניעס פאַר בעזונדערע יודישע פאַמיליעס, האָט אונאויפהערליך געוואַקסען און זיך אַלץ מעהר פערשטאַרקט אויך די אונשטערבליכע אידעע וועגען שאַפען אין ארץ־ישראל אַ יודישען גײַסטיגען און פּאָליטישען צענטער. דער בשורה־אָנזאָגער פון אָט דער אידעע איז געוועזען אין יענער צײַט משה העס, וועמענס בוך „רוים און ירושלים" האָט אַ גוואַלדיגען רושם געמאַכט אויף די מענשען פון זײַן צײַט.

שפּעטער געפינט אָט די אידעע אַ פײַערדיגען מטיף — דאָקטאָר פּינסקער. זײַן הײַסער אויפרוף צו יודען וועגען „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן" האָט אַרויסגערופען בײַ די לעצטע די עדעלסטע און בעהאַלטענע טענער פון זײער הארץ. ציון און נאַציאָן, ארץ־ישראל און אויפלעבונג איז מיט פײַערדיגע אותיות געווען אָנגעשריבען אויף דער סאַמע נשמה פון יעדען יודען, וועמען דער אַסימיליאַציאָנס־שטראָם האָט נאָך ניט אוספּאַרט אָבּרײַסען פון יודישען שורש. אַ דאַנק זײַן איניציאַטיוו און ענערגיע איז אין אדעס געגרינדעט געוואָרען „די חברה צו העלפען יודען ערד־ארבײַטער און האַנדווערקער אין סיריע און אין פּאַלעסטינע", וועלכע האָט אָבּגעשפּילט און שפּילט נאָך עד היום אַ אונגעהויערע ראָליע בנוגע צו דער קאָלאָניזירונג פון ארץ־ישראל און בנוגע צום אַלצײַטיגען אײַנאָרדנען דעם לעבענס־אַרט פון די ארץ־ישראל'שע קאָלאָניסטען.

אונטער דער ווירקונג פון די טרויעריגע רוסישע געשעהנישען אין די 80־ער יאָהרען האָט זיך דער שטראָם פון עמיגראַנטען קײַן ארץ־ישראל פערשטאַרקט. דאָס מאָל האָט זיך אהין אַלאַז געטהון אויך די אינטעליגענץ גאַנצע גרופּעס יודישע סטודענטען (בילו'צעס) האָבען פערלאָזט די אוניווערסיטעטען און בעגײַסטערט מיט אײַן בעגײַסטערט מיט אײַן בעגעהר צו בעלעבען זײער אַלטעס פאַטערלאַנד און זײער פאָלק, האָבען זײ זיך געלאָזט קײַן ארץ־ישראל, וועלכע איז אויף אַזאַ אופן בערײַכט געוואָרען מיט אינטעליגענטע כחות. דורך דער מיה פון אָט די פּיאָנערען, וועלכע האָבען ניט געקאַרגט קײַן כח, ניט קײַן געזונד און אפילו ניט דאָס לעבען זענען געגרינדעט געוואָרען פיעלע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. די מיה איז יסורים פון אָט די קעמפּפער פאַר דעם אויפלעבען פון לאַנד האָט זײ ניט אָבגעהאַלטען, און אויפ'ן באָדען, וואָס האָט זיך בעגאָסען מיט זײער שווײס און בלוט האָבען זיך אַלץ רײַכער און שענער צעוואַקסען די בײמלעך פון ארץ־ישראל'ער קאָלאָניזאַציע.

דער מעכטיגער רוף פון אונפערגעסליכען טעאדאר הערצל, וואס האט דורכגעקלונגען אזוי הויך און שטאלץ איבער דער גאנצער וועלט, די ברייטע און דרייסטע פערספעקטיווען וועלכע ער האט בעמאהלט אין זיין „אלט־ניי לאנד" האבען גענויטיגט זיינע אנהענגער גאר אנדערש א קוק צו טהון אויפ'ן ענין פון קאלאניזאציע פון ארץ־ישראל און פון שאפען דארט א יודישען צענטער. עס איז געווארען קלאר, אז פאמעליך איפריכטען קאלאניעס און אריבערפיהרען אהין צעהנדליגער און אפילו הונדערטער יודישע פאמיליעס, איז קיין פתרון ניט פאר דער יודען־פראגע ס'איז נויטיג ניט איבערזעצען אהין יודען, נאר שאפען אזעלכע בעדינגונגען, ביי וועלכע אט דאס איבערזעצען זיך זאל געשעהן פון זיך עמיגרירען דאך יודען קיין אמעריקע, אויסטראליע און אפריקע און ווערען אויף אזא אויפ'ן צוזייעט איבער'ן גאנצען ערד־קוגעל. אט דער טייל פון פאלק, וואס האט זיך פעראייניגט אונטער דער וויים־בלויער פאהן פון ציוניזמוס הויבט אן אונאויפהערליך ארבייטען אין דער ריכטונג. די פיהרער פון ציוניזמוס שאפען בענק און שולען, נאציאנאל פאנד און ביבליאטעקען אינפארמאציאנס־ביורא און פראקטישע סטאנציעס.

גאר אין א קורצע צייט האבען זיך אין פילע שטעדט און קאלא־ניעס נעעפענט פילע קולטורעלע אנשטאלטען און פילעס האט מען אויפגעטהון בנוגע צו דער ענטוויקלונג פון מסחר און אינדוסטריע, אקער־בוי, בילדונג און פאלקס־געזונדהייט. אט די חוואליע פון נאציאנאלען זעלבסטבעוואוסטזיין, וועלכע האט זיך אזוי אויך אויפגעהויבען און זיך צונאסען איבער'ן גאנצען תחום פון יודישען לעבען אין רוסלאנד און אין מערב איראפא—האט אויך אריינגעשפארט אהין, קיין ארץ־ישראל און האט געשאפען א פעסטען בונד צווישען אלטען פאטערלאנד און אלע גלות־לענדער.

די נייע קאלאניסטען האבען אהין אריינגעבראכט פיעל ענערגיע זעלבסטשטענדיגקייט, איינגעשפארטע מיה און שטארקען וויסען. מיט די אלע מעלות נעמען זיך אן אויך די אלטגעזעסענע דארטיגע יודען. ביי אזעלכע בעציהונגען מוז אונבעדינגט וואקסען די פערשטארקונג פון יודישען עלעמענט אין לאנד.

ביז איצט האט די טערקישע מלוכה־ארדנונג, וועלכע האט זיך געשטיצט אויפ'ן איינענעם דעת פון די ארטיגע בעאמטע, אויף באקשיש, אונטערקויפונג און שוחד, געשטערט יעדע ערשיינונג פון איניציאטיוו און זעלבסטשטענדיגקייט. איצט אבער, ווען טערקיי איז אויפגעשטאנען צו א

ניַעם לעבען אויף די יסודות פון רעכט און רעכטליכקייט קאָן מען האָפען, דאָס די יודישע זאַך וועט זיך נאָך מעהר ענטוויקלען אין ארץ־ישראל. די יודישע קאַפּיטאַלען וועלען איצט האָבען א גרינגערען צוטריט אלע אונטערנעמונגען ביי דעם ניַעם לעבען וועלען לייכטער ווערען צו פערווירקליכען אלע בעגרענצונגען בנוגע צום אַריינפאָהרען פון יודען אלע אונריכטיגע נאָלאגען וועלען איצט אראָבגענומען ווערען,־און אויב מיר וועלען זיך קאָנען בענוצען מיט די אלע גינסטיגע אומשטענדען, אַזוי וועט אין דער געשיכטע פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל אַריינגעשריבען ווערען איינע פון די גלענצענדע בלעטער.

פון אונז זעלבסט הענגט איצט אָב פיעל נאָהענטער מאַכען דאָס יענע צייט, ווען אונזער פאָלק וועט קאָנען פערלאָזען זיין וואנדער שטעקען, נאָהענטער מאַכען יענע צייט, ווען אויב ניט דאָס גאַנצע פאָלק, טאָ ווענינגסטענס דער מעהר פערוואָגעלטער טייל זיינער, וועט קאָנען אָברוהען אין זיין אייגענעם לאַנד און זיך דאַן זאָגען: „מיר זענען אין דער היים"!

די עמיגראנטען וואס קומען פארן פאהרען צו די פארשטעהער פון דעם

# אינפארמאציאנס־ביורא

## פאר עמיגראנטען

בעקומען אלע נויטיגע ידיעות וועגען די לענדער, וועלכע זיי פאהרען, וועגען די מארשראטען און דעם וועג ווי אזוי צו פאהרען ווי צו בעקומען אנ׳אויסלענדישען פאס א. א. וו.

די עמיגראנטען קאנען בעקומען ביי די בעפאלמעכטיגטע און אין די קאמיטעטען פון אינפארמאציאנסביורא פאלגענדע ביכלעך:

אלגעמיינע ידיעות (6 קאפ׳), „אמעריקא" (10 קאפ׳), קאנאדא, (3 קאפ׳), ארגענטיניען (2 קאפ׳), סיריען און פאלעסטינא (3 קאפ׳) יודיש־ענגליש לעהר־בוך (20 קאפ׳), צדה לדרך — ענגליש (10 קאפ׳, ווי בעקומט מען אנאויסלענדישען פאס (2 קאפ׳), א קארטע מיט מארשראטען א. א. וו.

אויך קאן מען בעקומען דעם צוויי־וועכענטליכען זשורנאל „דער יודישער עמיגראנט" (5 קאפ׳) וועלכער איז געווידמעט צו אלע לויפענדע פראגען פון דער יודישער עמיגראציע.

דאס הויפט־ביורא געפינט זיך אין פעטערבורג Замятинъ пер, № 4.

אבטיילונגען פון ביורא געפינען זיך אין פאלגענדע שטעדט וויטעבסק, מאהילעוו, האמעל, מינסק, קאוונא, ווילנא, גראדנא, שיטאמיר, ראוונא, קאמענעץ־פאדאלסק, קיעוו, פאלטאווא, טשערניגאוו, ווארשוי, לאמזשא, פלאצק, קישינעוו, אדעס, יעקאטערינאסלאוו, ליבוי א. א. וו.—אינגאנצען כמעט 300 שטעדט און שטעדטליך

מתקבלת החתימה על השבוע

## „העולם"

האורגן הרשמי של ההסתדרות הציונית בשפה העברית, בהשתתפות טובי הסופרים העבריים.

מחיר העולם ברוסיה: לשנה 4 רובל, לחצי שנה 2 רובל, לרבע שנה 1 רובל
בחו"ץ לשנה 4 רובל 50 קאפ. וכן לחצי שנה ולרבע שנה.

הכתובת:

Редакція «ГАОЛОМЪ», Одесса, Почтов. ящ. 383.

---

פרוספקטים מפורטים נשלחים לכל דורש.

## 1914 !לכרך השלשים של „השלח"! 1914

ירחון לספרות, למדע ולעניני החיים. נוסד בשנת תרנ"ו (1896).

**תנאי החתימה:** לשנה 6 רובל, 16 פראנק, 16 כתרים, 13 מארק, 13 שילינג $3^1/_2$ דאלאר. לחצי שנה מחצה מזה.

בכל חודש יוצאת חוברת אחת של „השלח", שהיא מחזיקה ששה גליונות בפורמאט גדול. שש חוברות, היוצאות במשך ששה חדשים, מצטרפות לכרך אחד, שהוא ספר שלם. להכרכים שכבר יצאו לאור יש ערך קיים ומתמיד והקורא ימצא תמיד חפץ בקריאתם. מיום הוסד „השלח" ועד עתה יצאו כ"ט כרכים. בשנת 1914 יצאו הכרכים ל' ול"א.

## פרס הגון לחותמי „השלח".

### כל־כתבי משה ליב ליליענבלום בארבעה כרכים

שמחזיקים 1618 עמודים ושמחירם 5.40 רובל, יקבלו החותמים בחצי המחיר 2.70 רובל.

בעד המשלוח: ברוסיה 50 קופ, בארץ ישראל, אוסטריה, גרמניה ורומניה 80 קאפ., ביתר הארצות 1.35 רובל.

הכתובת:

**Одесса. Редакція „ГАШИЛОАХЪ" Почтовый ящикъ 319**

**Odessa (Russland). Redaction „Haschiloach". Postfach 319.**

---

Принимается подписка на еженедѣльную газету

## „РАЗСВѢТЪ"

(9-ый годъ изданія)

**посвященную еврейскимъ интересамъ.**

Подписная цѣна

на 1 годъ—5 р., 6 мѣс.—2 р. 50 к., 3 мѣс. 1 р. 25 к.

Адресъ редакціи и конторы: **С.-Петербургъ, Торговая, 11.**

# חברת „כרמל" אדעססא.

## אײַזען װײַן „ברזל" "BARSEL„

## האט איהר געהערט װאס „דאקטוירים" זאגען װעגען „ברזל":

דאקטוירים רופען דעם „ברזל" מיט דעם נאָמען געזונדהײַט-בלוט-װײַן, װײַל ער פערמעהרט, פערבעסערט און קרעפטיגט דאָס בלוט.

דאקטוירים זאגען: דאָס „Барзелъ" האָט אין זיך אײַזען אזוי פיעל װי מען בעדאַרף צו האָבען אום צו פערבעסערען, צו פערקרעפטיגען דאָס בלוט.

דאקטוירים האבען אויסגערעכענט, דאָס אנדערהאַלבען ($1\frac{1}{2}$) לעפעל „Барзелъ" האָט אין זיך אזוי פיעל „אײַזען" וויפיעל אין דעם טײַערסטען רעצעפּט וואס מען שרײַבט צו.

נאָר עס פערשטעהט זיך, דאָס ער איז פיעל אנגענעהמער צו טרינקען ווי א רעצעפּט (אפילו קלײנע קינדער טרינקען איהם גערן), פיעל בעסער, פיעל נוצליכער און טאקי אויך פיעל װעלװעלער.

דער כרמל „ברזל" איז אויסגעפּרובט געוואָרען אין דעם גרויסען יודישען האָספּיטאַל אין אדעססא.

אָט וואס עס שרײַבט אונז דער „האָספּיטאַל" אין זײַן אַטעסטאַט פון 28-טען פעווראל הײַנטיגען יאָהר № 229:

אין דער לעצטער צײַט האָט דער האָספּיטאַל געפונען זעהר נוצליך (Весьма полезнымъ) דעם „ברזל" וועלכען מען האָט מיט גרויס ערפאָלג (Большой пользою) צוגעשריבען בלוט דירפטיגע (Мало-кровнымъ) קראַנקע.

דער דירעקטאָר פון „ראָדילנעם פּריוט" און פּראָפעססאָר פון „אַנשטאַלט פיר אקושערקעס" דאָקטאָר אקושער .R שרײַבט אונז אין זײַן בריעף פון 7 אָקטיאַבר № 156 בזה הלשון: די פּראָבעס, וועלכע איך האָב געמאַכט מיט אײַער „ברזל" אויף קראַנקע אין „ראָדילנעם פּריוט". האָבען מיר דײַטליך בעוויזען, אז דער „ברזל" איז א אונפערענדערליכע (Незамѣнимое) רפואה אום צו דערוועקען און פארשטארקען די כוחות. איבערהויפּט איז ער העכסט נוצליך קינפּעטארענס, וועלכע האָבען פערלוירען פיעל בלוט אין קינפּעט; אויך איז ער זעהר נוצליך פאַר קראַנקע, וועלכע פיבערען.

מיר האָבען נאָך פיעל גוטע מײַנונגען פון אדעסער, קיעווער, ווארשעווער און פיעל אנדערע דאקטוירים, וועלכע עס האָבען אויסגעפּרובט דעם „ברזל" אויף אלערלײ בלוטערפטיגע (Малокровные) און פיבערענדע קראַנקע, און אלערלײ שוואַכע מענשען, מאַנספּילן, פרויען אונד קינדער.

Пудра
Бѣлый Цвѣтокъ




Т-во
А. Ралле
Москва

Парфюмерія
Серебристый
Ландышъ

Т-во А. Ралле и К°


Тип. Наума Гальперина, Одесса, Екатерининская 36.